בס"ד

שנה ה'
פרשת ראה
נומער 278

# קרית ברסלב

וועלטליכע נייעס
טראמפ זיצונגען מיט פוטין און זאלענסקי

מעשיות פון תפילה
פטור געווארן פון מיליטער

משה ארי' שניצלער
אומאן? מיין ווייב לאזט נישט

ישראל דוד העסקעל
חול המועד קאמפיין

א ווארט צוויי
טראמפ ווי א שלום בית מאכער



## די ליבליכע אלול ווינטן

אלול - אני לדודי ודודי לי

אינוועסט
אינוועסט ריכטיג!
אשריכם גיבורי חיל!
אנשי שלומינו האבן אינוועסטעט איבער א מיליאן דאללער

קרית ברסלב בלעטל

פרשת ראה תשפ"ה • 278

אמעריקא רוסלאנד אוקריינא 6



די גריצלען פון די היישעריקן 7



געשעענישן 47



10 געדאנקען
12 היכל הלכה
19 ברסלב'ע שטוב
37 קינדער בלעטל

**רעדאקטאר**
אברהם הערש וועבערמאן
**רעדאקציע**
אברהם יצחק אייזנער
שמואל בער שניטצלער
שמעון עוזר פערל
**שרייבערס**
משה ארי' שניטצלער
אברהם משה שטראססער
גרשון קרעמער
אהרן קליטניק
ישראל דוד העסקעל
יואל שניצלער
יואל נחמן גלויבער
ל. וועבערמאן
מ. פאפנהיים
ח. פ. וועבערמאן
ש. טראכטער
ג. פעקעטע
ח. שטיינבערג
ל. סאקס
**ניקוד**
יודא לייב ווייס
**גרעפיקס**
ישראל העסקעל
דאמינאו גרופ

צו באקומען די קרית ברסלב בלעטל:
אויף פאסט:
718.387.2691
Subscribe@kerenhadfusa.org
אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Breslevcenter.com
Gilyoines.com
ארץ ישראל:
053.315.6938

קול ברסלב:
212.444.9191
א"י: 0797040066

אידישע שטוב:
212.444.9169
א"י: 0797040069

צו אדווערטייזן אדער ארייזשיקן בריוו, קאמענטארן און ענטפערס:
845-379-1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com
דעדליין ארייזצושיקן עדס איז זונטאג 1:00

כל הזכיות שמורות. עס איז נישט ערלויבט צו קאפיען שטיקלעך פונעם בלעטל אן צושרייבן פון וואו עס קומט.

**זמנים**
ראה כ"ט אב

הדלקת הנרות . 07:29
מוצאי שבת ..... 08:58

**מנחה מעריב**
**פרשת שופטים 8:30**








# אין צוואנציג יאר ארום...

### תשס"ה

**דער ראש ישיבה ווערט מקורב צו מוהרא"ש**

חודש'ליכע בודזשעט $0
תלמידים אין די מוסדות 0

### תשס"ט

**דער ראש ישיבה עפנט אויף די ישיבה**

חודש'ליכע בודזשעט $2700
תלמידים אין די מוסדות 30

### תש"ע

**דער ראש ישיבה עפנט אויף תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב**

חודש'ליכע בודזשעט $8,500
תלמידים אין די מוסדות 58

### תשפ"א

**די מוסד ציט זיך אריין אין די בנין 27 סקילמאן**

חודש'ליכע בודזשעט $10.000
תלמידים אין די מוסדות 58

### תשע"ב

**דער ראש ישיבה עפענט אויף בית חינוך לבנות בית פיגא**

חודש'ליכע בודזשעט $13.500
תלמידים אין די מוסדות 58

### תשע"ה

**דער ראש ישיבה קויפט דעם ערשטן שטח פארן שטעטל**

חודש'ליכע בודזשעט $75.000
תלמידים אין די מוסדות 120

### תש"פ

**דער ראש ישיבה קויפט די בנין המוסדות 39 טשעסטנאט**

קאסט $300.000
תלמידים אין די מוסדות 215

### תשפ"ב

**דער ראש ישיבה קויפט די בנין המוסדות 33 טשעסטנאט**

קאסט $750.000
תלמידים אין די מוסדות 355



## בואו חשבון!

די ציפערן פון די תלמידי המוסדות שטייגן גאר שנעל בליע"ד און ווער עס קען אביסל חשבון זעהט אז די נומערן יעצט זענען א משל צו וואס עס ערווארט אויף דעם הייליגן רבינ'ס מוסד.

אזוי ווי אבער די בנינים וואקסן נישט מיט מיט די תלמידים... און די רחוות'דיגע בנינים פון אמאל זענען שוין היינט ענג און אויסגעוואקסן און מיר מוזן טראכטן פון אונזער עתיד האבן מיר אוועקגעשטעלט א **'קרן הבנין'** וואס וועט בעזהשי"ת אוועקשטעלן א קאסע ווי אנשי שלומינו וועלן געבן געלט אוועקצושטעלן די בניני המוסד פאר אונזערע עתיד.

*sruliHeskel






# טַייעֶר הַאלְטְן דִי וַוייבּ

## שאלה

**דִי וָואךְ בְּרֶענְגְן מִיר אַרָאפּ אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, וָואס רֶעדְט פוּן חָשׁוּב הַאלְטְן דִי וַוייבּ, אוֹיךְ חִיזוּק פַאר דַאוֶוענֶען שַׁחְרִית מִנְחָה מַעֲרִיב.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ב' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט הַאלְטְן טַייעֶר דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ'; קְרִיג זִיךְ נִישְׁט מִיט אִיר. זִי שְׁרַייבְּט מִיר אַז דוּ קְרִיגְסְט זִיךְ מִיט אִיר אַסַאךְ, אִיךְ בֶּעט דִיר טַייעֶרֶער חַבֵר, הַארְצִיגֶער בְּרוּדֶער, בֶּעט זִיךְ אִיבֶּער מִיט דַיין וַוייבּ, זָאג אִיר צוּ אַז דוּ וֶועסְט אִיר שֶׁעצְן אוּן לִיבּ הָאבְּן. פִּיר זִיךְ אוֹיף וִוי אַ תַּלְמִיד הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ וֶועסְטוּ זֶען אַ גְרוֹיסֶע נֵס, דוּ וֶועסְט טְרֶעפְן אַ גְרִינְגֶע פַּרְנָסָה.

וֶוער עֶס אִיז מְכַבֵּד דִי וַוייבּ הָאט בְּרֵייט פַּרְנָסָה אוּן גְרוֹיס עֲשִׁירוּת, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהַרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן סט): **"כִּי עִקַּר הָעֲשִׁירוּת עַל יְדֵי הָאִשָּׁה"**, דִי גַאנְצֶע גֶעלְט קוּמְט בִּזְכוּת דִי וַוייבּ.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן דַאוֶוענֶען שַׁחְרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב וָואס דָאס הַאלְט אַ אִיד בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהַרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ח): אוֹיף דֶעם וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת נד.): עוֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן הָאט גֶעזָאגְט: **"מַחֲנֶה יִשְׂרָאֵל כַּמָּה הַוֵי? תְּלָתָא פַּרְסֵי"**, אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אוּן אוֹיסְגֶערִיסְן אַ בַּארְג פוּן דְרֵיי פַּרְסָה, עֶר הָאט דָאס גֶעוָואלְט וַוארְפְן אוֹיף דִי אִידְן. הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעמַאכְט אַ נֵס אַז עֶס זֶענֶען גֶעקוּמֶען קְלֵיינֶע וֶוערֶעמְלֶער אוּן גֶעלֶעכֶערְט דֶעם בַּארְג בִּיז דֶער בַּארְג אִיז אִים אַרַיין גֶעפַאלְן אוֹיפְן הַאלְז אוּן אִים דֶערְשְׁטִיקְט, נָאכְדֶעם אִיז גֶעקוּמֶען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן אַ שְׁפְּרִינְג אוּן אִים דֶערְלַאנְגְט אַ קְלַאפּ אוֹיף זַיין פִּיס אוּן אִים גֶע'הַרְגְ'עֶט.

זָאגְט דֶער רֶבִּי, אַז 'עוֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן' דָאס אִיז דֶער 'יֵצֶר הָרָע' וָואס עֶר הָאט פַיינְט יֶעדְן אִיד אוּן וִויל אִים הַרְגְ'נֶען. וֶוען עֶר זֶעט אַז אַ אִיד הַאלְט זִיךְ אִין מַחֲנֶה יִשְׂרָאֵל דוּרְךְ דִי 'ג' פַּרְסָה', דָאס הֵייסְט זַיינֶע דְרֵיי תְּפִילוֹת, נֶעמְט עֶר זִיךְ אִיבֶּער אִים אוּן זָאגְט: 'אִיךְ וֶועל אוֹיסְרַייסְן פוּן אִים דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת, אַזוֹי וֶועל אִיךְ אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן מַחֲנֶה יִשְׂרָאֵל'.

אִיךְ בִּין נֶעכְטְן נַאכְט גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל אוּן גֶעגֶעבְּן אַ שִׁיעוּר הִתְחַזְקוּת; אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעוָואלְט טְרֶעפְן אוּן רֶעדְן צוּ דִיר פָּנִים אֶל פָּנִים, אִיךְ הָאף אַז בַּיי דֶעם קוּמֶענְדִיגְן שִׁיעוּר וֶועל אִיךְ דִיךְ טְרֶעפְן.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס הָאט דִיר לִיבּ.

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

(עצתו אמונה שופטים תשע"ט)

בס"ד

רענט קאמפיין

# ערשינען!

ערוואַרט אייער לוח **אין די פאסט** בייגעלייגט
מיט אייער סטעיטמענט פון אייער נדבה'ס
פאר די יאר פון 2025 למספרם.

שליסט אייך היינט אן און נעמט א
זכות אין די רענט קאמפיין.




היכל הקודש
וויליאמסבורג

היכל הקודש
בארא פארק

היכל הקודש
סטעטן איילענד

היכל הקודש
מאנסי

היכל הקודש
לינדען

נ"י

*sruliHeskel

# וועלטליכע נייעס

גרשון קרעמער



## טראמפ מיטינג מיט פוטין אין אלאסקע

אין די עטליכע חדשים זינט טראמפ איז אריינגעקומען אינעם ווייסן הויז, האט ער - ווי עס זעט אויס - גענומען א שטארקע ציל צו ערגרייכן וואס מער שלום אפמאכן צווישן שונאים. צווישן אנדערע שטאלצירט ער מיט'ן מאכן שלום צווישן ארמעניע און ארבייזשאן וואס זענען געווען אין מלחמה לאנגע יארן, קאנגא און ראוואנדא האבן אויסגעארבעט א שלום, אויך פאקיסטאן און אינדיע האבן געמאכט א פייער אפשטעל צווישן זיך, אזוי אויך האט ער גע'פועל'ט ביי די הוטיס אין תימן זיי זאלן אופהערן טעראריזירן די שיפן אינעם ים סוף, אזוי אויך האט ער אפגעשטעלט די מלחמה צווישן מדינת ישראל און איראן.

יעצט פרובירט ער שטארק אפצושטעלן די מלחמה אין עזה, און אזוי אויך די לאנג פארצויגענע מלחמה צווישן רוסלאנד און אוקריינע. מיר חסידי ברסלב האבן געהאט א שווערע וועג אין די לעצטע יארן צוליב די מלחמה, ווען אוקריינע האט אפגעשפארט זייערע לופטן רוימען און מען קען נאר פארן צו איינע פון די שכנות'דיגע לענדער, און פון דארט צופארן דורך די ערד וועגן - באס, באן אדער קאר.

טראמפ האט שוין מיט פוטין פרובירט מיט גוטנס, אבער זיין געדולד לויפט אים אויס, ער וויל שוין זען די זינלאזער מלחמה פאריבער, דערפאר האט ער געמאלדן אז ער האט אפגעשמועסט צו האבן א פערזענליכע סאמיט מיט פוטין אין אלאסקע פרייטאג עקב. זיין פלאן איז אז ביידע וועלן דארפן אויפגעבן טעריטאריאלע אמביציעס, אביסל וועלן זיי באקומען, אבער אויך וועלן זיי דארפן מוותר זיין. ביידע זייטן זאגן דערוויל אז זיי ווילן ווייטער פייטן און נישט נאכלאזן, פוטין וויל איינעמען די אלע חלקים וואס ער האט דערקלערט, און אוקריינע וויל צוריק כאפן אלעס וואס רוסלאנד האט פארכאפט פון זיי אין די לעצטע עלף יאר.

פאר דריי שעה זענען די צוויי געווען פארשפארט און אדורכגערעדט פון אויסארבעטן פארשידענע דיעלס, וואס מ'האפט אז פון די אלע גערעדכטס וועט ארויסקומען עפעס אויף למעשה. אזוי אויך איז די וואך דער פרעזידענט פון אוקריינא מיט הויפט פירער פון נאטא לענדער אריבערגעקומען צו טראמפ קיין וואשינגטאן, זען וואס מ'טוט דא ווייטער.

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז דאס אלעס דרייט זיך ארום דעם רבינ'ס ראש השנה, אז אידישע קינדער זאלן קענען פארן צום הייליגן רבי'ן און אויסבעטן א גוט יאר.

ווען איינע פון די אסטראנאטן זענען ארויף אויף די לבנה און האט געזען א ריזיגע שווארצע חלל, די ספעיס, און אינמיטן איז דא א קליינע בלויע גרינע באלי, דער כדור הארץ, האט ער געזאגט "אויף דעם קליינע ברעקל קריגט עטס ענק? יעדער וויל האבן נאך א ברעקל פון דעם ברעקל."

ווען מיר זעען צוויי מורישקעס קריגן זיך מיט די גאנצע ערנסטקייט אויף א ברעקל חלה, יעדער פרובירט עס צו כאפן פאר זיך, איז עס זייער פאני און מאדנע אין אונזערע אויגן. אבער זענען מיר דען אנדערש? ווען מיר וועלן אביסל ארויסזומען, קוקן אויף די גרעסערע בילד, לוינט זיך דען זיך צו קריגן אויף דער וועלט? דער הייליגער רבי אברהם ב"ר נחמן האט זיך אמאל אויסגעדרוקט "וועלטעלע וועלטעלע, עס איז נישט ווערד אויף דיר א קרעכץ צו טון", דער אייבערשטער האט אונז באשאפן פאר וויכטיגערס פון דעם, מיר האבן א תפקיד אויף דער וועלט, עס גייט אזוי שנעל דורך די זיבעציג יאר, און דער סמ"ך מ"ם פרובירט אונז צו מאכן פארנומען מיט נארישקייטן מיט גערעכטע טענות.

לאמיר זיך לערנען פון די אלע נארישע מלחמות, אז אויך אונזערע פערזענליכע מלחמות זענען זינלאז און נאריש, און אויסער הארץ ווי ברענגט עס גארנישט.

**תן בלבנו שנראה כל אחד מעלות חברנו, ולא חסרונו**

# איבער אלץ און אלעמען

גרשון קרעמער

האסט א שאלה? שיק צו askgershon@gmail.com 845-445-7447



## די וועטער לויט די גריצלען פון די היישעריקן

### שאלה

**איך האב אמאל געהערט פונעם ראש ישיבה שליט"א, אז מען קען וויסן די וועטער פון די קולות וואס די היישעריקן מאכן. קענט איר מיר ביטע מסביר זיין וויאזוי דאס ארבעט? איך וויל פארשטיין.**

**א גרויסן יישר כח. איך האב אמת'דיג הנאה פון אייערע ארטיקלען, ספעציעל וויאזוי איר ברענגט אריין דעם אייבערשטן אין יעדע הינזיכט.**

**זלמן לייב**

### ענטפער

א גרויסן יישר כח ר' זלמן לייב פאר דיין שאלה, און פאר דיינע ווארימע ווערטער.

עס איז מורא'דיג צו זען ווי די וואונדער פונעם אייבערשטן פילט אן די גאנצע וועלט, און אויב מיר וועלן צולייגן אביסל שימת לב, וועלן מיר זען גאר אינטערעסאנטע זאכן. די אויפפירונג פון קריקעטס (אן אינזעקט זייער ענליך צו היישעריקן - דאס זענען די וואס גריצלען אין די זומער נעכט) איז זייער אינטערעסאנט. און יא, פון זייערע גריצלערייען קען מען וויסן די פונקטליכע טעמפעראטור אין די נעכט. ווען עס ווערט ווארימער וועלן זיי גריצלען שנעלער, און ווען עס ווערט קילער, וועלן זיי פארשטאטערן זייערע גריצלערייען.

וויסנשאפטלער האבן אפילו אויסגעארבעט א וועג וויאזוי א מענטש זאל קענען וויסן די גענויע טעמפעראטור דורך דעם. אויב דו הערסט אן איינצעלעם היישעריק, צייל אפ וויפיל מאל ער גריצלט אין פערצן סעקונדעס, פלאס 40, דאס איז די יעצטיגע טעמפעראטור אין די גאס אין פערהייט (וואס מען נוצט אין אמעריקע).

וויאזוי ארבעט דאס? דער אייבערשטער האט זיי באשאפן "קאלט בלוטיג" דאס מיינט אז זייערע קערפערס קענען נישט קאנטראלירן זייער טעמפעראטור. (דער אייבערשטער האט געמאכט אז פארשידענע באשעפענישן קענען האלטן זייערע טעמפעראטור אויף א געוויסע שטאפל אפגעזען אויב עס איז הייס אדער קאלט ארום זיי. צום ביישפיל, אונז מענטשן, ווען מיר זענען הייס, שוויצן מיר, דאס קילט אונז אביסל אפ, ווען מיר זענען קאלט, ציטערן מיר, דאס ווארימט אביסל אן). און אויב ווערט הייס, ווערן זיי אויך הייס, און זיי ווערן מער אקטיוו, אריינגערעכנט אז זיי גריצלען מער. און ווען עס ווערט קעלטער, ווערן זיי מער פאמעליך. און אויב מען הערט זיך צו צו זיי קען מען וויסן די וועטער.

דאס איז א געוואלדיגע לימוד פאר אונז, דער אייבערשטער שיקט אונז רמזים א גאנצן טאג, מיר דארפן נאר צולייגן קאפ, און מיר וועלן הערן ווי דער אייבערשטער רעדט צו אונז.

מען דערציילט אויף פארשידענע צדיקים ענליכע מעשיות, ווי עפעס האט פאסירט און זיי האבן געזאגט אז זיי ווייסן וואס דער אייבערשטער וויל פון זיי. צו זיי דארפן איינעם איבערבעטן, אדער עפעס אנדערש פארבעסערן.

מיר קענען אויך הערן די אלע רמזים פון הימל, דער אייבערשטער רעדט צו אונז אויך. אויב עס גייט אויף אונז דורך א צרה, איז נישט ריכטיג צו באשולדיגן דעם אדער יענעם. און די זעלבע זאך דארפסט דיך נישט אליין באשולדיגן, אויב דו וועסט מאכן התבודדות, זיך אויסשמועסן מיט'ן אייבערשטן, וועסטו הערן אן ענטפער, דו וועסט זיך דורכשמועסן מיט'ן אייבערשטן, און זוכן וואס דו קענסט טון בעסער, און וועסט ארויסקומען קלאר.

אדרבה פרוביר עס אויס וועסטו זען וואונדערליכע זאכן..

**מכל הדברים צועק כבוד השם יתברך (שיחות הר"ן סימן נ"ב)**



# מעשיות פון תפילה

## חיים שלמה ראבינאוויטש

צפת

שוין באלד 2 יאר וואס איך פלאג מיך מיט די ציוניסטישע מיליטער, צו באקומען א פטור פון דארפן דארט דינען. וואס כ'האב נאר נישט געטון האט גארנישט געהאלפן. איך האב אסאך געבעטן דעם אייבערשטן מ'זאל מיר פריי לאזן אינגאנצן.

לעצטנס האב איך באקומען א בריוו אז איך קען מער נישט ארויספארן פון ארץ ישראל, און אויך דארף איך זיצן אין תפיסה דער אייבערשטער זאל אפהיטן.

די גרעסטע פראבלעם איז אז ס'איז געווען בחורים וואס זענען געקומען צו זיי זיך משוגע מאכן און מ'האט זיי אויפן ארט ארעסטירט. אבער דאך, דעם רבי'נס ראש השנה איז דאך עולה על הכל, איז וואס טוט מען דא? נאך אסאך תפילות בין איך געגאנגען דארט זיך נאריש מאכן - על החיים ועל המוות.

די גאנצע וועג האב איך געשעפשעט תפילות אז מ'זאל מיך נישט ארעסטירן און ס'זאל מיך גיין גוט. צום סוף האט זיך ארויסגעשטעלט אז קעגן אלע שאנסן האב איך פון אנדערע שווערע אלפים בחורים וואס האבן אויך פרובירט דאס זעלבע, באקומען דעם זעלטענעם 'פטור', נאר אין די כח פון תפילה.

## משה עקשטיין

קרית ברסלב

איך האב באקומען א צעטל פון די IRS אז איך דארף באצאלן א שטראף פון טויזענט דאללער פארן פיילן שפעט די טעקסעס. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל דאס נישט דארפן צאלן.

איינער האט מיר געזאגט די וועג וויאזוי מען דארף נישט צאלן, איך האב דאס געטון, און איך האב מיך געשפירט רואיג אז עס איז מסודר, איך דארף שוין נישט בעטן דעם אייבערשטן. אפאר חדשים שפעטער באקום איך מיט א פרישקייט א בריוו פון זיי אז איך דארף באקומען, און נאכדערצו מיט א טשארדז אויף דעם. איך האב נאכאמאל אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן.

איך האב זיי אריינגערופן, אבער איך בין נישט אנגעקומען אין ערגעץ. איך האב אויפגעזוכט א נומבער צו רופן גראד צו יענע אפטיילונג, און ברוך השם ער האט עס אראפגענומען גרינגערהייט

# א ווארט צו דערציילן

זאגן וואס
פארדינען
שטערכלעך

בלעטל שטאב

## טראמפ - א שלום בית מאכער

מיר איז מורא'דיג געפאלן ווי דער ראש ישיבה האט אנאליזט טראמפ אין אינדערפרי: "...טראמפ איז אזוי ווי א שלום בית מאכער, ווען ער הערט דעם מאנ'ס זייט איז ער אינגאנצן מיט אים, נאכדעם ווען ער הערט די ווייב'ס זייט איז ער אינגאנצן מיט איר. צום סוף גיבט ער אויף אויף די גאנצע זאך. די זעלבע מעשה שפילט זיך דא אפ, טראמפ הערט וואס זאלענסקי זאגט האלט ער אינגאנצן מיט אים, שפעטער טרעפט ער זיך מיט פוטין איז ער אויף זיין זייט. צום סוף וועט ער אויפגעבן...

היינט זאגן דאך אלע אנאליזן איז מעג איך דאך אויך זאגן אן אנאליז..."

**(אברהם הערש וועבערמאן)**

## א כח ווי צדיקים נאכן קריג

"די בתי מדרשים, די שטעטל, די תלמידים, די משפחות, די אינגערלייט בליעה"ר, אזא כח איז למעלה מדרך הטבע , אזא זאך האט מען נישט געזען אין ערגעץ, נאר ביי די צדיקים גלייך נאכן קריג וואס זיי האבן אויפגעשטעלט אין אפאר יאר א פרישע דור. דאס קען מען זעהן מיט די פליישיגע אויגן!..."

**(א איד – אינטערוויו מיט ארי פיש אויף קול ברסלב קאמפיין אפטיילונג)**

## אינגעלייט זוכן העכערס

זונטאג ראה נאכן פארלערנען דעם דף גמרא האט דער ראש ישיבה געפרעגט א אינגערמאן אויב עס פאסט אים נאך צו לערנען עצתו אמונה, ווייל עס איז דא אינגעלייט וואס זיי זוכן שוין העכערס, עס פאסט זיי נישט צו ליינען די פשוטע בריוון. ווען דער אינגערמאן האט געענטפערט אז ער לערנט נאך יעדע וואך עצתו אמונה האט דער ראש ישיבה זייער הנאה געהאט און זיך אנגערופן "ברוך השם פאר דעם"....

**(איינע פון די אנוועזנדע)**

## קאמפיין אנווייזונגען

"ווען דו רופסט א איד בעטן געלט פאר די קאמפיין, זאלסטו נישט ווערן ברוגז אויב ער געבט דיך, נישט יעדער דארף זיך ארויסדרייען פון געבן..."

**(בערל שניטצלער)**

## דער ראש ישיבה האט געזאגט

## איין גרויסע דמיון

"געלט איז א דמיון, קוק אהער, דו האסט שוין חתונה געהאט 10 יאר און דו האסט געצאלט דיין רענט און דיין מארגעדש יעדע איינציגסטע חודש, און נאכאלץ ביסטו באזארגט 'ווי אזוי וועל איך צאלן מיין מארגעדש די קומענדיגע חודש'?? נאר וואס דען, ס'איז איין גרויסע דמיון."

**(שמועס נאכן דף שיעור)**

# געדאנקען

# אומאן? מיין ווייב לאזט נישט.

ס'מאכסטע משה?"

"ברוך השם".

"פארסט צום רבי'ן?"

"וואו?"

"קיין אומאן".

"כ'קען נישט פארן".

"פארוואס?"

"מיין ווייב לאזט נישט".

"דיין ווייב וואס?"

"לאזט נישט!! לאזט נישט!!!! לללאאזזזזט נננניששטטטט!!!!! פאשטייסט נישט קיין אידיש?!!!"

"כ'הער".

"איז, פארסטו נישט קיין אומאן ווייל דיין ווייב לאזט נישט, אזוי פארשטיי איך פון דיינע ווערטער".

"יא".

"און אז מיר שמועסן שוין, ביסט נעכטן געווען ביי שמילי'ס וואכנאכט אין מה טובו אוהליך יעקב משכנותיך ישראל תקנות וואכנאכט זאל?"

"יא".

"האסט אליין געפארקט? אדער וואלעי?"

"וואלעי".

"ס'געווען טועם צו זיין?"

"וואס? טועם צו זיין? מ'האט נישט געוואוסט וואו צו קוקן פריער! האלבעטע בהמות מיט אויפ'ן פלאץ געבראטענע ניסלעך, רויע טונא מיט לעדערנע סאלאמי, זויערע קאמפאוט מיט שטיינהארטע סאוער דאו, קלעבעדיגע דזשעלי'ס מיט גע'AGE'טע רוקוטקרומפלי".

"דיין ווייב האט דיך "געלאזט" גיין צום וואכנאכט פון ניין ביז עלף ווען די דריי וואכנדיגע בעיבי קוויטשעט ביז'ן הימל?"

"הממממ... געלאזט? וואס שייך געלאזט? כ'האב איר געזאגט אז איך קען עס נישט טון צו שמילי..."

"און? זי האט פארשטאנען?"

"צו זי האט פארשטאנען? מיר איז גענוג אז איך האב פארשטאנען! כ'מיין, דו דארפסט פארשטיין, איך מיט שמילי גייען צוריק א שטאק מיט יארן! בלוט איז נישט קיין וואסער! אונז צוויי זעמיר אלץ געווען כחוחים בין שושנים! אזוי ווי די וועלט זאגט ווען ס'פליט שאלאכץ שפייען די קעמלען".

"וואו האלט עס מיט דיינע צוויי טריליאן דעלטע עירליין מיילס?"

"ס'האלט שוין ביי דריי טריליאן!"

"וואס טראכטסטו צו טון ווייטער?"

"אנקומען צו צען טריליאן! מיין נייע סיטי בענק קארטל האט מיר שוין געברענגט א טריליאן דעלטע מיילס!"

"ביז וואו קענסטו אנקומען מיט דיינע פיר טריליאן דעלטע מיילס?"

"לעצטע וואך בין איך געווען מיט חברים אין אוגאנדא".

"אוגאנדא?"

"יא, קברי צדיקים".

"ס'איז דא קברי צדיקים אין אוגאנדא?"

"אלס וואס פרעגסטו?"

"דיין ווייב לאזט דיך פארן מיט חברים אין אוגאנדא?"

"לאזט? שמאזט? א פרוי דארף מאכן קוגל און שווין!"

## איבערלעבענישן, אנאליזן און געדאנקען

**משה אריה שניצלער**

"וויפיל ביסטו שולדיג אויף דיין צען טריליאן פוינטס'דיגע קרעדיט קארד?"

"א מעלוינע".

"דיין ווייב לאזט?"

"לאזט? שמאזט? א פרוי דארף מאכן קוגל און שוין!"

"און ווי האלטסטו טרעק אויף אלע דיינע דעלטע פוינטס און דיינע קרעדיט קארד חובות?"

"איך האב די נייע APP דו מוזט עס זען!"

"ווי הייסט עס?"

UNZETZER

"סי'גוט?"

"גוט? אמעיזינג! פרעג נישט! אויב מ'קען זיך גוט אויס מיט די "עפפ" באקומט מען געווע Q-TIPS פוינטס ביי וואלמארט צו קענען קויפן א הונדערט טריליאן קיו-טיפס א יאר!"

"דו האסט שוין באקומען עפעס פון זיי?"

"יא!"

"וואס?"

"זיי האבן א גאר א גרויסע פרייז, זייער העכסטע פרייז, זיי רופן עס UNZETZER OF THE YEAR. פאריאר האב איך עס באקומען!"

"וואו נוצטו די UNZETZER "עפפ"? אין אפיס? אויף דיין דעסקטאפ?"

"ניין, איך נוץ עס אויף מיין נייע טעלעפאון".

"וועלכע טעלעפאון?"

"לעצטע וואך בין איך געווען מיט חברים אין אוגאנדא".

"אוגאנדא?"

"יא, קברי צדיקים".

"ס'איז דא קברי צדיקים אין אוגאנדא?"

"אלס וואס פרעגסטו?"

"דא! גע א קוק! נעכטן געקויפט! שפאגל ניי! פופצן מאות!"

"אזא פאון? דיין ווייב לאזט? "

"לאזט? שמאזט? א פרוי דארף מאכן קוגל און שוין!"

"און דו קענסט נישט פארן קיין אומאן?"

"ניין?"

"פארוואס?"

"ווייל מיין ווייב לאזט נישט...."

מיר וועלן לייגן אין די זייט משה'לע מיט שמילי מיט די קלעבעדיגע רויע טונא און מיר וועלן זיך צונויף רעדן איבער די שלום בית שכל וואס מען געבט אין היכל הקודש.

אויב דו ווערסט ארויסטראגן די גארביטש יעדן צופרי אז דיין ווייב זאל זען אז דו ביסט א וואוילער, קען אמאל זיין אז איין טאג ווערסטו ווערן מיד דערפון, אויב דו ווערסט אבער ארויסטראגן די גארביטש אז דער אייבערשטער זאל זען אז דו ווילסט זיין אן ערליכער איד, ווערסטו מער מצליח זיין מיט דיין שלום בית.

מאך שלום בית פאר'ן אייבערשטן'ס וועגן. קוק צום אייבערשטן יעדע מאל דו דארפסט מוותר זיין אין שטוב.

למשל אויב דיין ווייב וועט קיינמאל נישט וויסן אז דו האסט ארויסגעטראגן די גארביטש ווערסטו עס נאך אלץ טון? דאס מיינט בויען א שלום בית מיט הארץ און נשמה. בויען א רילעישנשיפ מיט'ן בורא עולם וואס האט געהייסן רחמנות האבן אויף די ווייב.

צו קוקן אויף שלום בית אזוי ווי א קינדערגארטן אינגעלע פרעגט דעם מנהל וועגן מעג מען זיך שוין אויפהייבן פון פלאץ, דאס איז נישט די ריכטיגע בליק.

מען דארף קוקן אויף די ווייב אזוי ווי מען קוקט אויף א חשוב'ע מענטש. מען דארף טראכטן פון זאכן וואס באדערט איר.

און די עיקר וואס באדערט א מענטש איז אז א מענטש מוז הערן גוטע ווערטער. דאס איז די תורה פון "אזמרה", אין ליקוטי מוהר"ן, חלק א' סימן רפ"ב, מען מוז זען גוטס אויף זיך, און אויף אנדערע, און אודאי אויף די ווייב, און מען מוז עס ארויסזאגן, מען מוז זיך באדאנקען, מען מוז מכיר זיין אז די פרוי ארבעט עבודת הפרך פון צופרי ביז ביינאכט.

ווילסט טאקע פארן קיין אומאן?

דו ווייסט דאך די סגולה, אז מען זאגט פאר די ווייב פערציג טעג "ביסט די בעסטע ווייב אין די וועלט" ביזטו אין אומאן!

# היכל הלכה

## הלכות קידוש

### סימן רע"א סעיף ב'

**הקדמה קצרה:** די גמרא (מסכת קידושין) זאגט **מצות עשה שהזמן גרמא - נשים פטורות**, א מצוה וואס האט מיט א צייט זענען פרויען פטור, אבער דאס איז נאר ביי א מצות עשה; א מצוה וואס מ'דארף טון, א לא תעשה; אבער א מצוה וואס מ'מעג נישט טון, איז נישט דא קיין חילוק צווישן מענער און פרויען.

חז"ל זאגן (מסכת ברכות כ.) **אמר רב אדא בר אהבה, נשים חייבות בקידוש היום** - קידוש, כאטש ס'איז א מצוה וואס איז תלוי אין א צייט, מיט דעם אלעם זענען פרויען מחויב, פארוואס? **אמר רבא, אמר קרא "זכור שמור", כל שישנו בשמירה ישנו בזכירה.**

דאס מיינט אז היות עס שטייט ביי די מצוה פון שבת (פרשת יתרו וואס דארט שטייט די ערשטע לוחות) **"זכור" את יום השבת לקדשו,** און ווען משה רבינו ע"ה חזר'ט איבער די גאנצע תורה פאר אידישע קינדער (פרשת ואתחנן) שטייט **"שמור"**, איז וועלכעווארט האט דער אויבערשטער געזאגט, זכור אדער שמור? זאגט די גמרא (מסכת שבועות כ:) ביידע, זכור ושמור בדיבור אחד נאמרו, נארמאל קען א מענטש נישט רעדן און נישט הערן צוויי ווערטער אויף איינמאל, אבער דא ביי מתן תורה האט דער אויבערשטער געמאכט א נס; אז די אידן האבן געהערט ביידע ווערטער זכור שמור אויף איינמאל, ממילא פירט די גמרא אויס, **כל שישנו בשמירה ישנו בזכירה**, ווער ס'איז מחויב מיט **"שמירה"**, דאס מיינט לא תעשה נישט - וואס דאס נעמט אויך אריין פרויען, ישנו **"בזכירה"**, איז אויך מחויב מיט די מצות עשה פון שבת - מילא זענען פרויען אויך מחויב מיט קידוש פונקט אזוי ווי מענער.

ווי ערוועגט, אז די מצות קידוש מן התורה איז מען יוצא ביים דאווענען, און קידוש אויפ'ן כוס, איז א מצוה מדרבנן.

די הלכה איז: **הסבו אחד מברך לכולם!** דאס הייסט אז ביי אלע מיני ברכות הן ברכת הנהנין, והן ברכת המצות קען איינער מוציא זיין דעם אנדערן.[31]

די פוסקים שרייבן אז הערן פון איינעם און ער זאל מוציא זיין די גאנצע עולם איז א הידור, אזוי ווי ס'שטייט: **ברב עם הדרת מלך.**[32]

ווען ס'קומט צו ברכת המצות, אזוי ווי שופר בלאזן, מגילה און קידוש, קומט צו א חידוש, אז אפילו איינער וויל נישט יעצט יוצא זיין, אדער ער האט שוין יוצא געווען, קען ער נאך אלץ מוציא זיין א צווייטן וועגן די הלכות פון ערבות. אידן אין ערבות מואב, די טאג וואס משה רבינו ע"ה איז אוועק פון די וועלט, האבן זיי גענומען ערבות (עי' באוה"ח הק' על אתר) אז יעדער איד האט שייכות מיט'ן צווייטן איד'ס מצות,

דאס הייסט אז ווען יענער האט נאך נישט מקיים געווען א מצוה, איז עס נישט ווי יענעמ'ס פראבלעם, נאר ס'איז כאילו איך אליינס האב נאכנישט מקיים געווען די מצוה,[33] ממילא האט א איד - אפילו וואס האט שוין די מצוה יוצא געווען - רעכט צו מוציא זיין דעם אנדערן איד וואס האט נאכנישט יוצא געווען.

דאס אלעס איז ווען ס'איז ביי מענער, וואס דעמאלטס איז זיכער דא די ענין פון ערבות.

פרויען, איז א מחלוקת אין די פוסקים[34] אויב זיי זענען אינעם כלל

## הערות

31) עי' או"ח סי' רי"ג פרטי דין זה.

32) משנ"ב סי' רי"ג סק"ג, וכן בתניא סי' רי"ג סעי' א'.

33) כן לומד בפי' הר"ן, שעל הרי"ף במסכת ר"ה (ח: ד"ה תני) וז"ל כל הברכות כולן אע"פ שיצא מוציא, שהרי כל ישראל ערבים זל"ז במצוות, וכיון שלא יצא חבירו כמי שלא יצא הוא דמי - אבל בלשון ריטב"א (מסכת ר"ה) (כט. ד"ה תני) משמע דלמד דרך אחר, וז"ל פי' כל ברכות המצוות אע"פ שיצא מוציא, שאעפ"י שהמצוות מוטלות על כל אחד, הרי כל ישראל ערבין זל"ז, וכולן כגוף אחד, וכערב הפורע חוב חבירו עכ"ל, כנראה דריטב"א לא למד דהוי כהוא מחיוב בעצמו אלא כפורע את החוב שהוא חייב, ונוגע נפק"מ להלכה, דעל הצד דנשים אינם בכלל ערבות כד' נודע ביהודא, אז עם איש כבר יצא מצות קידוש, אינו יכול לדעתי לצאת אישה שלא יצאה עדיין משום לד' נו"ב נשים אינם בכלל ערבות, אבל בצל"ח על מסכת ברכות מביא הנו"ב, דאם יש איש גם שלא יצא, ביחד עם אשה שלא יצא, אז יכול האיש שכבר יצא לצאת את האשה משום דהיות האיש אחר שלא יצא, מונח עליו מתורת ערבות לסדר החיוב של חבירו, עי"ז נעשה הוא כאילו לא יצא עדיין ובכה"ג בודאי הוא יכול לצאת את האשה, כי אינו מתורת ערבות אלא מכלל דכל הברכות כולן א' יכול לצאת חבירו. עכ"פ מזה נראה שהצל"ח למד כר"ן.

34) דהיינו הנו"ב, בדגל מרבבה איתא דנשים אינם בכלל ערבות, ובצל"ח כ' (כ: ברכות) דכי היכא דנשים אינם בכלל ערבות בעד אנשים, כן אנשים אינם ערבים בעד נשים, אבל בשו"ת רעק"א חולק (ח"א סי' ז') וכ' דנשים הוי בכלל ערבות וכן כ' בה"ג בשו"ע סי' רע"א.



איבערגעגעבן
דורך הגאון
**הר"ר יונה**
**זינגער שליט"א**
דומ"ץ קרית
ברסלב

פון ערבות, ממילא, קומט ארויף די שאלה אז אויב די מאן האט שוין געדאוונט, איז ער נאר מחיוב מדרבנן מיט קידוש, און אז די פרוי האט נאכנישט געדאוונט איז זי דאך מחיוב מן התורה, קען דאך נישט איינער וואס איז נאר מחיוב מדרבנן מוציא זיין דער וואס איז מחיוב מן התורה חוץ אויב מ'האט די כלל פון ערבות. למעשה קען מען זיך פארלאזן אויפן הייליגן רבי עקיבא איגר זי"ע וואס האלט אז פרויען זענען יא בכלל ערבות,[35] ממילא איז די הלכה אז:

ח] איין מענטש קען מוציא זיין אסאך אנדערע מענטשן מיט קידוש, און אזוי אויך א מאן קען מוציא זיין א פרוי, און אפילו דער מאן האט שוין געדאוונט, און די פרוי נאך נישט, מיט דעם אלעם קען איר דער מאן מוציא זיין.

ט] נאך מער, ס'איז א הידור אז איין מענטש זאל מוציא זיין מערערע מענטשן, וועגן **ברב עם הדרת מלך.**

**י] מ'דארף נאר געדענקען און** אינאכט נעמען א פאר הלכות ווען מען הערט קידוש פון א צווייטן;

[36] אז מ'מוז הערן יעדע ווארט[37] פון קידוש, ממילא איז נאטורליך אז מ'דארף זען אז קליינע קינדער וואס מאכן גערידער זאלן זיין שטיל, און פארשטייט זיך טאמער מאכן זיי יא גערידער דארף דער וואס מאכט קידוש צו ווארטן ביז ס'איז שטיל, כדי אלע אנדערע זאלן קענען הערן יעדעס ווארט און יוצא זיין.

יא] אזוי אויך ווען עס איז דא א גרעסערע עולם, ווי למשל ביי א שמחה וכדומה, זאל מען זיכער מאכן טאמער מ'וויל יוצא זיין קידוש פון איינעם אז מ'קען גוט הערן יעדע ווארט, ובפרט ביי די ווייבער דארף מען דאס אינאכט נעמען ווייל אסאך מאל איז שווער צו הערן דארט.

יב] אזוי אויך ווען מ'ענטפערט אמן אויף די ברכה פון מקדש השבת דארף מען זיכער מאכן אז דער וואס מאכט קידוש האט אינגאנצן געענדיגט די ברכה, ווייל טאמער זאגט מען אמן פריער, ווען ער האלט נאך אינמיטן די ווארט פון השבת, האט מען נישט געהערט א ווארט פון קידוש.[38]

**הקדמה קצרה:** כדי צו קענען יוצא זיין קידוש פון א צווייטן פעלט זיך אויס "קבועות",[39] אז מ'זיצט צוזאמען ביים טיש; נישט אז איינער דרייט זיך אהער און איינער אהין, טאקע פארדעם איז געווען אמאל די מנהג אז מ'פלעגט מאכן קידוש זיצעדיג.[40]

דאס איז די לשון פונעם משנה ברורה (סי' רע"א סקמ"ו) **ועל כל פנים צריך ליזהר שיקבעו השומעים עצמן יחד בעת קידוש כדי לצאת** - אפילו ביי אונז וואס די מנהג איז אז מ'מאכט קידוש שטייענדיג, זאל מען זיין מיט א קביעות אויף איין פלאץ, כדי מען זאל קענען יוצא זיין, **ולא שיהיו מפוזרים ומפרדים והולכין אחד הנה ואחד הנה** - נישט אז מ'זאל זיין צוטיילט און צושפרייט איינער דא און איינער דארט. די סיבה פארוואס די חכמים האבן מתקן געווען אז מ'זאל זיצן צוזאמען א קביעות, איז כדי ס'זאל קענבאר זיין אז מ'וויל דא יעצט יוצא זיין פון איינעם.[41]

יג) ווען מ'וויל יוצא זיין קידוש פון א צווייטן דארף זיין א קביעות, דאס מיינט אז מ'דארף שטיין ביים טיש אויף איין פלאץ, נישט זיך דרייען אהער און אהין.

35) כי אפי' אי נימא כשיטת הנו"ב דאין ערבות לנשים - אבל הרבה חולקים עליו בפרט זה, דעכ"פ אנשים יכולים לצאת הנשים, משום דערבות של אנשים - כן איתא במהרי"ט קידושין ע:.

36) סי' רי"ג סעי' י"ג. 37) וז"ל המחב': אין יוצא ידי חובתו בשמיעת הברכה אפי' יענה אמן אלא אם כן ששמעה מתחלתה ועד סופה עי' שם בשערי ציון סק"כ אם בדיעבד איזה מילה מעכב כשלא שמע.

38) כן איתא בס' שבת בשבתו.

39) עי' בסי' רי"ג פרטי דין זה, דיש הבדל מזמן הגמ' דאז היו יושבין בהסיבה, דאז אם אינם בהסיבה אינו נקרא קביעות משא"כ לדידן דאין אנו רגילין לישב כן הוי קביעות סתם בישיבה.

40) עי' ברמ"א סי' רע"א סעי' י', וז"ל ויכול לעמוד בשעת קידוש, ויותר טוב לישב ונוהגים לישב, ובמשנ"ב סקמ"ו, כיון שא' פוטר חבירו בעינן קביעות שיקבעו יחד, ובישיבה מקרי קביעות וכנ"ל בסי' קס"ז.....

41) כן מבואר בלבוש סי' רי"ג סעי' א' - ב'.



# א מעשה פון א צדיק

## צְדָקָה מִיט הַאֶרְץ און גֶעפִיל

צוּ דִי שְׁטוּבּ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי מֵאִיר פְּרִימִישְׁלַאן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען אַ גְבִיר צוּ בַּאקוּמֶען אַ בְּרָכָה, אָנְקוּמֶענְדִיג דָארְט הָאט עֶר גֶעזֶען אַז עֶס וַוארְט גָאר אַ לַאנְגֶע רַייע פוּן מֶענְטְשְׁן אַרַיינְצוּגֵיין צוּם צַדִיק. אִיז עֶר צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם גַבְּאַי לֵייבְּל אוּן גֶעגֶעבְּן אַ שֵׁיינֶע מַטְבֵּעַ אַז עֶר זָאל שְׁטִיל בְּלַייבְּן אוּן פַארְקוּקְן אוֹיף וָואס עֶר פְלַאנְט דָא צוּ טוּן. עֶר הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעשְׁטוּפְּט אִינֶעם צִימֶער וואוּ אַלֶע וַוארְטְן, אוּן זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט אִינֶעם שוּרָה פַאר יֶעדֶעם כְּדֵי צוּ זַיין דֶער עֶרְשְׁטֶער אַרַיינְצוּגֵיין צוּם רֶבִּי'ן.

עֶר קוּמְט אַרַיין צוּ רֶבִּי מֵאִירְ'ל פוּן פְּרִימִישְׁלַאן אוּן דֶער צַדִיק דְרֵייט אַוֶועק זַיין קָאפּ פוּן אִים, עֶר קוּקְט אִים בִּכְלָל נִישְׁט אָן, עֶר גֶעבְּט אִים נִישְׁט שָׁלוֹם. אוּן רַבִּי מֵאִירְ'ל הֵייבְּט אָן שְׁרֵייעֶן צוּם גַבְּאַי: "לֵייבְּל לֵייבְּל קוּם דָא שְׁנֶעל". דֶער גַבְּאַי קוּמְט צוּ לוֹיפְן, אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט אִים: "אִיךְ וִויל דִיר דֶערְצֵיילְן א מַעֲשֶׂה: דוּ וֵוייסְט דָאךְ אַז מֵאִירְ'ל (אַזוֹי פְלֶעגְט עֶר רֶעדְן אוֹיף זִיךְ) הָאט לִיבּ צוּ זַיין אִין יֶעדְן פְּלַאץ, אוּן עֶר וִויל אוּן זוּכְט וואוּ עֶר קֶען אַ טוֹבָה טוּן אַ אִיד, אִיז אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין אַ גֶעוִויסֶע פְּלַאץ אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַז עֶס אִיז דָא אַ שְׁוֶוערֶע גְּזַר דִין אוֹיף אַ גֶעוִויסֶע גְבִיר וָואס אִיז שְׁטֶערְבְּלִיךְ קְרַאנְק, עֶר גֵייט שׁוֹין שְׁטַארְבְּן, אוּן עֶר גֵייט אִיבֶּערְלָאזְן אַן אַלְמָנָה מִיט אַכְט יְתוֹמִים'לֶעךְ, אוּן דוּ וֵוייסְט דָאךְ אַז מֵאִירְ'ל לָאזְט נִישְׁט אַזַא סָארְט גְּזַר דִין זָאל פַּאסִירְן מִכֹּחַ אֶל הַפֹּעַל, הָאבּ אִיךְ מִיר פַארְ'עַקְשְׁנְ'ט אוּן אַיינְגֶערִיסְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ מְבַטֵל זַיין דִי גְזֵירָה.

אָבֶּער דִי בֵּית דִין שֶׁל מַעְלָה הָאט גֶעזָאגְט אַז דֶער גְבִיר אִיז זֵייעֶר אַ קַארְגֶער מֶענְטְשׁ, וֶוען עֶס קוּמְט אָן צוּ זַיין טִיר אָרִימֶעלַייט פַארְטְרַייבְּט עֶר זֵיי מִיט בּוּשׁוֹת אוּן בִּזְיוֹנוֹת, אוּן טַאקֶע צוּלִיבּ דֶעם אִיז דָא אוֹיף אִים דִי גְזֵירָה, הָאבּ אִיךְ צוּגֶעזָאגְט פַארְן בֵּית דִין שֶׁל מַעְלָה, אַז אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער גֵייט דֶער גְבִיר זִיךְ טוֹישְׁן אוּן עֶר וֶועט אָנְהֵייבְּן גֶעבְּן צְדָקָה מִיט אַ בְּרֵייטֶע הַאנְט, אוּן בָּרוּךְ הַשֵׁם אִיךְ הָאבּ גֶעפּוֹיעֶלְט פַאר אִים אַ יְשׁוּעָה, עֶר אִיז גֶעוָוארְן גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, אָבֶּער לֵיידֶער גְלַייךְ נָאכְן וֶוערְן גֶעזוּנְט אִיז עֶר צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּם אַלְטְן שְׁלֶעכְטֶע וֶועג וִויאַזוֹי עֶר בַּאהַאנְדְלְט אָרִימֶעלַייט. אִיז דֶעמָאלְט נָאכְאַמָאל נִגְזַר גֶעוָוארְן אוֹיף אִים מִיתָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן שְׁטֶערְבְּלִיךְ קְרַאנְק.




ציון פון הייליגן רבי מאיר'ל אין פרימישלאן

אִיךְ הָאבּ נָאכַאמָאל פְּרוּבִּירְט מִיט גְרוֹיס עַקְשָׁנוּת צוּ מְבַטֵל זַיין דִי גְזֵירָה, אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט אַז מֶען זָאל אִים גֶעבְּן נָאךְ אֵיין פּרוּאוו, מֶען זָאל אִים שִׁיקְן עֶפֶּעס אַן אָרִימַאן אוּן אוֹיבּ עֶר וֶועט אִים אוֹיפְנֶעמֶען בְּכָבוֹד גָדוֹל זָאל דִי גְזֵירָה וֶוערְן בָּטֵל וּמְבוּטָל, דִי בֵּית דִין שֶׁל מַעְלָה הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען, אוּן דֶער גְבִיר אִיז גֶעזוּנְט גֶעוָוארְן.

מֶען הָאט גֶעשִׁיקְט אַן אָרִימַאן קְלַאפְּן אוֹיפְן טִיר דֶער גְבִיר אִיז דֶעמָאלְט אַרַיין אִין אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע כַּעַס, אוּן עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן זַיין גַאנְצֶע כַּעַס אוֹיף דֶעם אָרִימַאן, עֶר הָאט אִים גֶעשְׁלָאגְן אוּן פַארְטְרִיבְּן מִיט גְרוֹיסֶער בּוּשׁוֹת אוּן בִּזְיוֹנוֹת".

עֶנְדִיגְט צוּ רַבִּי מֵאִירְ'ל פוּן פְּרִימִישְׁלַאן: "נוּ, לֵייבְּל, אִיךְ וִויל דִיר פְרֶעגְן צוּ אַזַא מֶענְטְשׁ זָאל אִיךְ גֶעבְּן שָׁלוֹם?!" וִוי נָאר דֶער גְבִיר הָאט גֶעהֶערְט דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם רֶבִּי'ן הָאט עֶר גֶע'חַלְשְׁ'ט, וַוייל וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען שְׁטֶערְבְּלִיךְ קְרַאנְק אִיז עֶר שׁוֹין אָנְגֶעקוּמֶען צוּם בֵּית דִין שֶׁל מַעְלָה אוּן עֶר הָאט דָארְט גֶעהֶערְט דֶעם נָאמֶען "רֶבִּי מֵאִירְ'ל פוּן פְּרִימִישְׁלַאן פַּטֶרְ'ט דִיר פוּנֶעם דִין, אוּן דוּ וֶוערְסְט צוּרִיק גֶעזוּנְט" אוּן טַאקֶע צוּלִיבּ דֶעם אִיז עֶר גֶעקוּמֶען קוּקְן וֶוער עֶס אִיז דֶער צַדִיק רֶבִּי מֵאִירְ'ל פוּן פְּרִימִישְׁלַאן, אוּן דָא אַנְטפְּלֶעקְט אִים דֶער רֶבִּי דִי גַאנְצֶע גֶעשִׁיכְטֶע וָואס עֶר הָאט נִישְׁט מִיטְגֶעהַאלְטְן, אוּן נִישְׁט נָאר דָאס, דֶער צַדִיק אַנְטפְּלֶעקְט אִים אַז עֶר אַלֵיינְס אִיז שׁוּלְדִיג אוֹיף זַיין קְרַאנְקֵייט, וַוייל עֶר בַּאגֵייט זִיךְ נִישְׁט שֵׁיין מִיט אָרִימֶעלַייט.

מֶען הָאט שְׁוֶוער גֶעאַרְבֶּעט אִים צוּ דֶערְמִינְטֶערְן, אוּן וֶוען דֶער גְבִיר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט הָאט עֶר צוּגֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי מֵאִירְ'ל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַז פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער גֵייט עֶר שְׁטַארְקְט זַיין נִזְהָר אִינֶעם מִצְוָה פוּן צְדָקָה, עֶר גֵייט מְכַבֵּד זַיין יֶעדְן אָרִימַאן, אוּן עֶר גֵייט נִישְׁט לָאזְן קֵיין אֵיין אָרִימַאן אַוֶועקְגֵיין פוּן זַיין הוֹיז מִיט לֵיידִיגֶע הֶענְט, אַזוֹי הָאט עֶר טַאקֶע גֶעטוּן, עֶר הָאט תְּשׁוּבָה גֶעטוּן מִיט אַן אֱמֶת.

פִּירְט אוֹיס מוֹהֲרָא"ש וָואס מֶען זֶעט פוּן דִי מַעֲשֶׂה אִיז אַז מֶען דַארְף שְׁטַארְק נִזְהָר זַיין אִינֶעם כָּבוֹד פוּן אַן אָרִימַאן, אַז אוֹיבּ אָן אָרִימַאן קוּמְט צוּ דַיין טִיר גֶעבּ אִים כָּאטְשׁ עֶפֶּעס. אוֹיךְ זֶעט מֶען אַז אַן אֱמֶת'עֶר צַדִיק אֲפִילוּ עֶר זֶעט אוֹיף אֵיינֶעם זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים, טוּט עֶר אַלֶעס אִין דִי וֶועלְט דָאס מַמְתִּיק צוּ זַיין אוּן בְּרֶענְגֶען אַ יְשׁוּעָה.

(שיחות מוהרא"ש חלק ט"ו ערך צדקה)



# דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסגעשיכטע

## קכ"ט

## פָארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:

ראֹשׁ הַשָּׁנָה, שְׁנַת תקס"ד, אִיז זִיךְ צוּזַאמְגֶעקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶער קִיבּוּץ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן אַלֶע שְׁטֶעט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, צוּ דַאוֶוענֶען בַּיי אִים, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע מֶענְטְשְׁן, אַז זַיין זַאךְ אִיז ראֹשׁ הַשָּׁנָה, אוּן מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף ראֹשׁ הַשָּׁנָה

דָאנֶערְשְׁטָאג, ב' כִּסְלֵיו, אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן דִי מַאמֶע פוּן רֶבִּי נָתָן, מָרַת חַיָה לַאנֶיע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם.

וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז שְׁפֶּעטֶער גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן גֶעפְרֶעגְט מִיט וָואס עֶר קֶען טוּן אַ טוֹבָה פַאר זַיין מַאמֶע'ס נְשָׁמָה, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט, "דוּ זָאלְסְט מַאכְן 'אֲשֶׁר יָצַר' עֶרְנְסְט".

מִיטְוָואךְ, כ"ט כִּסְלֵיו, אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי גְדַלְיָ' מִלִינִיץ זי"ע, וָואס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען צוּ דִי רֶעכְטֶע הַאנְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן בִּשְׁעַת דִי מַחְלוֹקֶת אוֹיף אִים.

שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת מִקֵץ, ב' טֵבֵת, שַׁבָּת חֲנוּכָּה, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט תּוֹרָה אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִים פ"א, ד') **"תִּקְעוּ בַחֹדֶשׁ שׁוֹפָר בַּכֶּסֶה"**, (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן י"ד), אוּן דֶער רֶבִּי הָאט מְרַמֵז גֶעוֶוען אִין דִי תּוֹרָה אַ הֶסְפֵּד אוֹיף דֶעם צַדִיק, עֶר הָאט דֶערְמַאנְט דָארְט וָואס חֲזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת כ"א:) אַז מֶען זָאגְט נִישְׁט קַיין הֶסְפֵּד אִין חֲנוּכָּה. אוֹיךְ הָאט עֶר דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט אַז יֶעצְט אִיז שְׁוֶוער צוּ זָאגְן תּוֹרָה, וֶוען עֶס וֶוערְט נִסְתַּלֵק אַ צַדִיק אִיז שְׁוֶוער צוּ זָאגְן תּוֹרָה, וַוייל יֶעדֶער צַדִיק הָאט אַ חֵלֶק אִין דִי תּוֹרָה, אוּן וֶוען עֶר וֶוערְט נִסְתַּלֵק גֵייט אוֹיךְ אַוֶועק זַיין חֵלֶק אִין דִי תּוֹרָה, דֶערִיבֶּער אִיז שְׁוֶוער דֶעמָאלְט צוּ זָאגְן תּוֹרָה.

נָאךְ שַׁבָּת חֲנוּכָּה, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעהֵייסְן פַאר רֶבִּי נָתָן עֶר זָאל לֶערְנֶען אַסַאךְ פּוֹסְקִים. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט עֶר זָאל עֶנְדִיגְן אַלֶע פִיר חֲלָקִים פוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ מִיט אַלֶע מְפָרְשִׁים אִין אֵיין יָאר, עֶר הָאט אִים בַּאשְׁטִימְט אַ סֵדֶר צוּ לֶערְנֶען פִינְף דַפִים יֶעדְן טָאג.

דֶער רֶבִּי הָאט אִים אָבֶּער אָנְגֶעוָוארְנְט עֶר זָאל זֶען צוּ רֶעדְן יֶעדְן טָאג מִיט מֶענְטְשְׁן, סְתַּם שְׁמוּעֶסְן אוּן דֶערְצֵיילְן, צוּ בַּארוּאִיגְן דֶעם קָאפּ. כָּאטְשׁ וָואס דֶער טָאג אִיז אִים נִישְׁט גֶעוֶוען גֶענוּג לַאנְג צוּ קֶענֶען עֶנְדִיגְן אַלֶע שִׁיעוּרִים, פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר מוּז זִיךְ בַּארוּאִיגְן דֶעם מֹחַ יֶעדְן טָאג דוּרְכְ'ן שְׁמוּעֶסְן מִיט מֶענְטְשְׁן.

דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז אוֹיךְ אִינְמִיטְן לֶערְנֶען דַארְף מֶען זִיךְ צוּמָאל אָפְּשְׁטֶעלְן אוּן זִיךְ אָפְּרוּעֶן כָּאטְשׁ פַאר אַבִּיסְל, מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט אִיבֶּערְשְׁטְרֶענְגֶען דִי נֶערְוֶוען, מֶען דַארְף נָאר אַכְטוּנְג גֶעבְן אַז דֶער מֹחַ זָאל נִישְׁט אִינְגַאנְצְן אַוֶועקְפְלִיעֶן, צוּ טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן אוּן שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען חַס וְשָׁלוֹם.

יֶענֶעם וִוינְטֶער, אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעוֶוען אַסַאךְ מָאל בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן דֶעמָאלְט הָאט עֶר אִיבֶּערְגֶעשְׁרִיבְּן דֶעם "סֵפֶר הַמִדוֹת" וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט (סִימָן תפ"ו).

אֵיינְמָאל אִין יֶענֶעם וִוינְטֶער, אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן מִיט זַיין חַבֶר ר' נַפְתָּלִי. זֵיי זֶענֶען אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אִין צִימֶער, דֶער רֶבִּי אִיז דַאן גֶעלֶעגְן אִין בֶּעט אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן מִיט זֵיי.

דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי גֶעזָאגְט, "אִיךְ הָאבּ הַיינְט גֶעלֶעבְּט אַ לֶעבְן וָואס אִיךְ הָאבּ נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעלֶעבְּט. וַוייל עֶס אִיז דָא אַסַאךְ סָארְט לֶעבְּנְס, אָבֶּער הַיינְט הָאבּ אִיךְ גֶעלֶעבְּט אַזַא גוּט לֶעבְן, וָואס אִיךְ הָאבּ נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהַאט!"

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי אָנְגֶעהוֹיבְּן וַוארְפְן וֶוערְטֶער פוּן זַיין הֵיילִיג מוֹיל, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן מְגַלֶה זַיין אַבִּיסְל רָאשֵׁי פְּרָקִים פוּן דִי תּוֹרָה "קַרְטָלִיתָא" (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן י"ח). דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעזָאגְט דֶעמָאלְט דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, נָאר אַבִּיסְל שְׁטִיקְלֶעךְ פוּן דִי תּוֹרָה, מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה.

וָואס הָאט וַוייטֶער פַּאסִירְט?
לֵיינְט קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה

# קוק אהער

## חול המועד קאמפיין

**ח**ול המועד סוכות וועלן מיר זיצן אין סוכה און שמועסן און פארברענגען, דעמאלט וועל איך הערן פונקטליך דיין גאנצע מעשה מיט דיין נסיעה קיין אומאן..."

"וועסט מיר פארציילן דיינע נסיעות, און וואו מ'האט דיר אפגעשטעלט, די גאנצע השתלשלות פון דיין רענצל.... וועסט מיר פונקטליך פארציילן ווי אזוי האסט כמעט געשפעטיגט דעם פליגער..."

"כ'וועל הערן דיר די גאנצע מעשה מיטן גוי אויפן וועג, דער אנטיסעמיט וואס האט זיך געוואגט דיר צו בעטן געלט... די פאספארט סומאטוכע וועןן דו האסט געמיינט אז דו גייסט שוין מוזן איבערבלייבן וואוינען אין אוקריינע..."

"דאס אז דיין עסן פאר די וועג איז געגאנגען פייפן נאך בעפאר דו האסט זיך בכלל ארויסגעלאזט אין וועג... און ווען דו האסט זיך אזוי נישט גוט געשפירט, און ממש א מעשה פון תפילה אז ראש השנה האסטו זיך אנגעהויבן שפירן בעסער..."

"אלע שיינע מעשיות וועט מען זיצן און איבערגיין מיט א געשמאק חול המועד אין די סוכה ..."

"אבער אין אומאן איז נישט דא קיין צייט פארדעם, אין אומאן לויפט מען צום ציון, צום משניות, צום בעט, צום דאווענען, עפעס עסן, און צוריק צום ציון, וחוזר חלילה. אין אומאן איז נישט דא קיין צייט פאר קיין מעשיות..."

יעצט שרייבנדיג די שורות זונטאג פרשת ראה שפירט זיך ווי חול המועד קאמפיין... לעצטע וואך האט מען מיט קיינעם נישט געקענט רעדן, די גאנצע קהילה אלע תלמידים פון דער ראש ישיבה אין אלע עקן וועלט, זענען געווען איינגעשפאנט ארויסצוהעלפן אונזער אייגענע פלאץ פאר אונזער עתיד און פאר די עתיד פון אונזערע קינדער.

א גאנץ יאר איז דער ראש ישיבה פארנומען אויפבויען, אוועקשטעלן שאפן געלט, און בויען אונזער קהילה. פאריגע וואך האט דער ראש ישיבה פראקלאמירט "איך קומט דא, איך שיקט דא אייערע קינדער, איך לעבט אויף די שיעורים, איך נעמט דא אייער התחזקות, זייט מוחל און לייגט צו א פלייצע!"

"נישט דא אויף דעם קיין שום תירוץ!"

"גיין נאך געלט קען יעדער איינער!"

און אזוי האט זיך אנגעהויבן א העפטיגע וואך ווי אלע אנשי שלומינו אלע וואס לעבן אויף די שיעורים און התחזקות פון רבי'ן האבן זיך ארויסגעלאזט אויפן יאגד צו גיין נאך געלט צו העלפן בויען דעם הייליגער רבינ'ס מוסדות!

דער ראש ישיבה האט פארלאנגט פון אנשי שלומינו יעדער זאל ברענגען לפחות דאפלט וויפיל מען האט געברענגט פאראיאר!

איך פאר מיר, נאך פאר די דרשה פון דער ראש ישיבה, האב איך מיך געמאכט מיינע חשבונות אז פאראיאר האב איך ארייגעברענגט $3600 אבער קוקנדיג ווער ס'האט מיר אלס געגעבן און וויפיל זיי האבן געגעבן, האב איך מיר געמאכט א חשבון אז א גרויס חלק פון זיי וועלן מיר דאס יאר מן הסתם נישט געבן און אפילו ווער יא וועט עס זיין זיכער קלענערע סכומים (און אזוי איז טאקע געווען...) דעריבער האב איך מיר געמאכט מיין גאול פאר דאס יאר צו $2500! ווייל דאס האט מיר אויסגעזען רעאליסטיש אז איך וועל קענען ברענגען.

למעשה האט דער ראש ישיבה פארלאנגט דאפלט ווי פאראיאר! וואס טוט מען דא? ערשט וועל איך טאקע מאכן מיין גאול דאפלט טראכט איך צו מיר, און איך גיי אסאך בעטן דעם אייבערשטן איך זאל טאקע קענען ברענגען דעם סכום, און איך וועל אנהייבן טון וואס איך קען טון....

זייענדיג ביים ראש ישיבה אינדערהיים זונטאג פרשת עקב ביים חלוקת פרסים, פרעגט מיר דער ראש ישיבה "וויפיל געלט האסטו געברענגט פאריאר?" האב איך גענטפערט

## דאס און יענץ
## מיט א טיפערע
## אריינבליק

**ישראל דוד העסקעל**




$3600, פרעגט מיר דער ראש ישיבה "און וויפיל נעמסטו זיך פאר דאס יאר?"

האב איך געענטפערט "דאפלט בעזהשי"ת, וואס קומט אויס צו $7200!"

מיין מח שרייט מיר גראד אן "ר' איד וואס טראכטסטו? דו גייסט דאס קיינמאל נישט קענען באוויזן!!!" אבער קודם האב איך געגומען דעם גאול, און וואס גייט זיין באלד וועט מען שוין זען...

ארויסגייענדיג פונעם ראש ישיבה'ס הויז שפיר איך ווי מיין טעלעפאן דריזלט, איך געב א קוק, א טעקסט פונעם קאמפיין...

"א גוטן ר' ישראל דוד, אייער גאול איז געווארן אפדעיטעד צו $7200!!!"

איך שטיי דארט מיטן מתנה אין האנט, נאך ניטאמאל געגרייכט מיין קאר, און דער ריאליטעט געבט א טשעק אריין! דו האסט גענומען א גאול וואס דו קענסט נישט גרייכן....

צוריק גייט א קאזע... מיין מח הייבט אן פיבערהאפטיג וועבן די פלענער וויאזוי גיי איך צו דעם ציל קענען אנקומען?

אבער רצון און תפילה ברעכן אייזן!

איך האב אזוי שטארק אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל קענען גרייכן מיין גאול נאך מיט א שמיץ אריבער "אייבערשטער העלף מיך אז איך זאל קענען ברענגען די געלט וואס איך האב זיך אונטערגענומען צו שאפן!"

און אזוי האט זיך די קאמפיין אנגעהויבן מיט איין נידערלאגע נאכן צווייטן, אלע גרויסע נתינות וואס איך האב זיך געהאט פארגעשטעלט אז דער און יענער וועט מיר זיכער געבן, איז גראד געווארן צו נישט... ער האט נישט און ער קען נישט, און ער האט א טעלעפאן נאך מיר צו קענען בעטן טובות, און חלילה וועט ער אויף מיר נישט אויפהייבן...

און אזוי ווי מיינע פלענער זענען געגאנגען א גאנג בין איך נאכאמאל צוריק געלאפן צום אייבערשטן און געבעטן דעם אייבערשטן "טאטע העלף מיר איך זאל קענען ברענגן די סומע וואס איך האב זיך דא אונטערגענומען נאך מיט א שמיץ אריבער..."

און צום סוף האט דער אייבערשטער געהאלפן, אויף וועגן וואס איך האב זיך קיינמאל נישט געקענט פארשטעלן בין איך אנגעקומען צו קענען שאפן איבער אכט טויזנט דאלער, וואס פאר מיר איז דאס ממש אן אסטראנאמישן סכום!

אזוי ווי יעצט איז חול המועד קאמפיין, וויל איך מיט דיר מיט טיילן עטליכע אינטערעסאנטע מעשיות און עפיזאדן וואס האט זיך אפגעשפילט בשעת'ן קאמפיין.

איך האב אפגעשריבן אויף מיין צעטל איינעם אז פון אים גיי איך ארויסשלעפן אן אלף'ל, איך קלינג אים אן מיט גרויס קאנפידענץ, און איך גיי גראד צו צום נקודה "ר' ... איך ברויך פון אייך אן אלף'ל!"

ער הייבט אן לאכן און זאגט מיר "הלוואי... איך האב נישט קיין איין דאלער דיר צו געבן, איך האב יעצט געקויפט א הויז, און איך האב זיך געטראפן מיט א סופרייז אז איך מוז אין דעם אריינלייגן צוויי הונדערט טויזנט דאלער, איך בין יעצט פארנומען ארומלויפן כאפן הלוואות פון וועמען איך קען..."

"זייער שיין" זאג איך אים "אבער וויסן זאלסטו אז בארגן געלט צו קויפן א הויז מאכט דיך נאך נישט פאר א רחמנות!"

"רחמנות? איך? ניין דאס נישט!" קיין



אלף'ל האט ער מיר טאקע נישט געגעבן, אבער פינף הונדערט דאלער האט ער מיר ארויפגעלייגט!

נאך אן אינטערעסאנטע מעשה האב איך געהאט, איך קלינג איינעם אן, איך איך זאג אז איך גיי נאך געלט פאר די ברסלב'ע מוסדות, זאגט מיר יענער "קוק אהער, איך בין באמת נישט קיין בעל יכולת צו קענען געבן גרויסע סכומים... אבער איך זע דאך יא וואס פאר א שיינע פלאץ היכל הקודש איז און די געוואלדיגע פעולות, במילא גיי איך דיר געבן הונדערט דאלער, און נאך צוויי הונדערט וועל איך ארויפלייגן אנאנים..."

נאך אן אינטערעסאנטע מעשה האב איך געהאט מיט אן אלטע חבר פון ישיבה, וואס מיר זענען געווען זייער נאנט, אבער מיט די יארן האבן מיר שוין כמעט נישט קיין שייכות...

איך זע אז לעצטע יאר האט ער מיר געגעבן $36 און טראכט צו זיך, איך גיי אים שיקן מיין לינק. אזוי ווי איך גיי אריין אין זיין טשעט זע איך אז די לעצטע מאל מיר האבן גערעדט איז געווען פאריאר ביים קאמפיין...

איך קען אים אביסל און איך ווייס אז אויב גיי איך אים סתם נאכאמאל בעטן געלט, נישט נאר גייט ער מיר נישט געבן נאר איך גיי נאך כאפן א פסק על הפנים...,

האב איך אים אנגערופן און איך זאג אים "ליבער חבר איך קלינג דיר דא ווייל איך שאף געלט פאר מוסדות ברסלב, גיי איך אריבער מיינע קאנטאקטן און איך קום אן צו דיין נאמען, און איך בין זייער פארשעמט געווארן, שוין אזוי לאנג האבן מיר נישט גערעדט, דעריבער האב איך מחליט געווען אז איך שיק דיר ניטאמאל מיין לינק, איך וויל נישט דו זאלסט מיר געבן געלט, איך וויל סתם אריינטשעקן מיט מיין אלטע גוטע חבר, וואס מאכסטו, ווי אזוי גייט עס?"

שוין, ער ענטפערט מיר אז ער האט א פיינע לעבן, אלעס איז זייער שיין ב"ה, און ווי אזוי איז עס ביי דיר? געוואלדיג א מחיה! און וואס נאך? פרעגט ער...

מיין פריינט הער מיר גוט אויס, איך וואלט דא געבליבן אויפן טעלעפאן שמועסן מיט דיר א גאנצע נאכט, אבער איך מוז גרייכן מיין ציל, איך קען נישט יעצט סתם שווענדן די צייט, מיר וועלן מוזן רעדן א צווייטע מאל, ווייל דער קאמפיין איז מיר ממש נאנט צום הארצן, און איך מוז גיין ווייטער שאפן געלט.....

גייט נישט דורך פינף מינוט, און איך זע אז ער האט אליין אויפגעזוכט מיין לינק און ארויפגעלייגט א הונדערטער!

און אזוי איז געווען אסאך שיינע אינטערעסאנטע מעשיות ווי אזוי דער אייבערשטער האט געוויזן אז מיט תפילה קען מען אלעס, און מיט גרויס סייעתא דשמיא האב איך טאקע געגרייכט פונקט דאס וואס איך האב געבעטן מיין ציל, מיט א שמיץ אריבער!

שכח אייבערשטער!

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!**

פאר די ברסלב'ע שטוב

# פראיעקט
# ראש השנה תשפ"ו

שמועסן מיט פרויען וויאזוי זיי האבן זיך געשטארקט ווען זייער מענער זענען געפארן צום ערשטן מאל קיין אומאן אויף ראש השנה.

ש. טראכטער

**אן אומשולדיג פייערל**
ג. פעקעטע

**קוק אויף מיר**
ש. ל. פליישמאן

# ווארעמע ברעסטן



***אין קורצן פון פריער: בתי' – קינד פון ר' יודא לייב וזוגתו בילא מייזליק ז"ל, איז געבליבן לעבן נאכן צווייטן וועלט קריג, מיט מסירות נפש היטן זיי אידישקייט אין רוסלאנד.***

***און יעצט ליינט ווייטער:*** עס פארציילט ר' מרדכי ליפשיץ א ליובאוויטשער חסיד, ר' מרדכי האט ווי יעדער ערליכע איד געהאט א שטארקע אמונת חכמים און זיך נישט גערירט איידער ער האט דאס אדורכגערעדט מיט זיין רבי. אלס בחור האט מען אים אנגעטראגן א שידוך, האט מרדכי געשיקט א בריוו צו זיין רבי אנפרעגן אויב ער זאל טון די שידוך. דער רבי האט אים צוריקגעשריבן אז ער זאל זיך אביסל מער נאכפרעגן אויף די מיידל.

די קאמיוניסטן וועלכע האבן איבערגעקוקט אלע בריוו האבן זיך ארויפגעכאפט אויף די בריוו און באשלאסן אז דא רעדט מען אינטערערדישע סודות פון שפיאנאזש. זיי האבן גענומען דעם יונגן מרדכי און אים אויסגעפייניגט אז ער זאל אויסזאגן דעם אמת.

זעענדיג ווי דער בחור בייגט זיך נישט און בלייבט ביי זיין געשיכטע אז ער האט געשריבן צו זיין רבי וועגן א שידוך וואס מען טראגט אים אן, האבן זיי אים געזאגט, "מיר קענען דיר נישט גלייבן, וואס עפעס זאל א יונגע געזונטע בחור אנפרעגן ביי אן אלטע ראבינער מיט וועמען צו חתונה האבן?!"

גיי זיי מסביר פאר א גוי וואס דאס מיינט לעבן מיט א צדיק און זיך נישט רירן אן א מורה דרך.

די משפט איז ארויס אז עס קומט זיך אים צען יאר סיביר פאר'ן זיך מאכן ווי ער וויל חתונה האבן. צען יאר איז ר' מרדכי דארט געווען און מיט נסים האט ער דאס איבערגעלעבט און זוכה געווען אויפצושטעלן א שטוב.

אזוי איז רוסלאנד פארוואנדלט געווארן אין איין גרויסע תפיסה, די רשעים האבן איבעראל און אויף אלעמען אנגעזייעט א פחד. מענטשן האבן מורא געהאט צו רעדן



22

**ש. טראכטער**

איינער מיט'ן צווייטן נישט וואוסענדיג ווער עס איז און אונטערגעשטעלטע שפיאן.

איינמאל האט ר' יהודה לייב זיך ארויסגעלאזט קיין אומאן צו מתפלל זיין ביים ציון פון הייליגן רבי'ן. ר' יהודה לייב איז אריין אין וואלד נעבן ציון זיך אביסל מתבודד געווען און דארט אנגעטון תפילין.

פלוצלינג איז ארויסגעוואקסן א פאליציי מאן און שטרענג פארלאנגט, "וואס זענען די בענדלעך און די קעסטלעך? דאס זענען געוויס אונטערהער אפאראטן."

ר' יהודה לייב האט אים פראבירט מסביר צו זיין וואס דאס איז, אבער דער גוי האט דאס נישט געוואלט פארשטיין. מיט צוואנג האט מען אים געשלעפט צום פאליציי סטאנציע. ווען דער הויפט האט געהערט די מעשה איז מען שוין געווען זיכער אז ר' יהודה לייב ארבעט פאר'ן שונא און געט איבער געהיימע סודות. מיט גרויס חסדים האט ר' יהודה לייב גע'פועל'ט אז מען זאל רופן א געוויסער אלטער איד וועמען די פאליציי האט רעספעקטירט זאל קומען און זיין די פארמיטלער.

דער אלטער איד איז געקומען און מיט אן ערנסטקייט באטראכט די קעסטלעך. דאן האט ער זיך אנגערופן, "איך זעה גערעכט, די קעסטלעך זענען פארבינדונגס מיטלען, אבער נישט צווישן מענטשן נאר צווישן דעם איד און באשעפער, דאס איז א גראדע ליין גלייך צום הימל."

ר' יהודה לייב איז מיט גרויסע ניסים באפרייט געווארן.

ווי שוין פריער דערמאנט האבן די קאמיוניסטן אריינגעארבעט אין די קינדער און זיי מחנך געווען אז זיי זאלן אליינס קומען און אויסזאגן זייערע אייגענע עלטערן. די רוסן האבן זיך אויסגעצייכנט מיט'ן אנזייען א פחד און שרעק, א טעראר האט געהערשט אינעם גאנצן לאנד, די רשעים פלעגן ספעציעל ארעסטירן מענטשן מיט א ווילדע טאקטיק פון זיי ארויסשלעפן אינמיטן די נאכט קעגן די אויגן פון די דערשראקענע קינדער.

דאס האט פאראורזאכט אז אסאך עלטערן האבן זיך אויסבאהאלטן פון זייער אייגענע קינדער שמירת התורה והמצוות.

איינמאל האט פאסירט שמחת תורה ווען עס איז זיך צוזאמגעקומען א געהיימע מנין, און זיי האבן מיט גרויס מתיקות און בענקשאפט געטאנצט לכבוד התורה. עס איז געווען דארט א יונגער בחור וואס האט זיך אריינגעכאפט צווישן די אלטע לייט און ער האט געטאנצט און געשפרינגען מיט אלע כוחות.

אינמיטן זיין טאנץ איז ער פלוצלינג שטיל געווארן, זיין בליק איז פארגליווערט געווארן אויף איינע פון די מתפללים, דער בחור קוקט און קוקט און פלוצלינג דערזעט ער אז ער דארט טאנצט נישט קיין צווייטער ווי זיין טאטע, ער איז צוגעלאפן צום טאטן און זיך ארויפגעווארפן אויף אים וויינענדיג פון התרגשות. אויך דער טאטע איז גערירט געווארן פון די צוזאמענטרעף און אלע מתפללים ארום האבן געוויינט אויפ'ן ביטערן גלות, א טאטע און א זון דארפן אויסבאהאלטן זייער אידישקייט איינער פון דעם צווייטן, אויס פחד פון די רשעים.

עס איז אינטערעסאנט אנצומערקן וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט לעצטנס געשריבן אין עצתו אמונה. יארן פריער ווען מען האט נאך געליטן פונעם צאר אין רוסלאנד, האט דער טאכטער פון דעם הייליגער צאנזער רב חתונה געהאט קיין רוסלאנד. ווען זי איז געקומען באזוכן איר הייליגן טאטע האט איר דער הייליגער צאנזער רב געפרעגט "טאכטער וויאזוי איז דאס לעבן פאר אידישע קינדער אין רוסלאנד?" האט זי געזאגט, "טאטע עס איז ביטער, עס איז ערגער ווי גלות מצרים."

האט דער הייליגער צאנזער רב געזאגט, "דאס קען נישט זיין, ערגער ווי מצרים איז נישט מעגליך, ווייל אין מצרים האבן מיר נישט געהאט קיין תורה."

און טאקע ווי מיר זעען כסדר אין די העלדישע געשיכטע פון מרת בתי' בארג ע"ה, שרייבט זי וויאזוי זיי האבן זיך מחי' געווען אין די טינקלקייט מיט תורה ומצוות, דאס האט זיי אדורכגעטראגן און געהאלפן איבערשווימען די שווערע נסיונות. די שבתים, ימים טובים און מצוות זענען געווען די לייכט טורעם, זייער פלאג איז ווערד געווען, וואוסענדיג אז זיי דינען דעם גרויסן באשעפער.

איינמאל נאכדעם וואס מען האט ברוטאליש אוועקגעשלעפט א טאטע פון קינדער אינמיטן נאכט פאר אן עבירה וואס ער האט נישט געטון (עס איז געווען גענוג אז איינער האט זיך געוואלט אפרעכענען מיט אים פאר א זייטיגע זאך, און געגאנגען מסר'ן אז דער מענטש איז א פיינט פון קאמיוניזם און רעדט קעגן סטאלין) האט בתי' געפרעגט איר טאטע, "טאטע, פארוואס פעלט אויס אויף די וועלט אזא זאך ווי קעי. זשי. בי.?" ר' יהודה לייב, וואס האט אין יעדע פאסירונג געזען איבערשטער האט איר געענטפערט, "אז מיר זאלן זיך לערנען ווי ווייט מיר דארפן מורא האבן צו טון אן עבירה."

*לייגט קומענדיגע וואך ווייטער אי"ה*

ש. ל. פליישמאן

# איפֿן וועג אהיים

צוזאמען ביים שיעור פארברענג. ווערן בעסער איך בענק. כאטש עפעס איך געדענק.

א נייע סייבער טראק,
אזא מזל, אזא Luck!
דרייווט און רייסט ארום,
קוקן קום נאר, קום...
אבער ווער דארט אינעווייניג זיצט?
אויף אלעם מיט די ציין ער קריצט...

שיך און זאקן פערפעקט,
די העמד ארייננגעשטעקט,
א טובה, קוק אויף אים...
ס'איז אלעס נאר Brand Name!
אבער אונטער די קליידער לויפט בלוט,
וואס פילט זיך אומעטיג, נישט גוט.

מיט די האנט א דריי,
מ'זאל קוקן הלוואי,
אויף זיין Top Brand זייגער,
מיט גלוסט און נייגער...
אבער דער וואס טוט דעם זייגער טראגן,
פילט דעפרעסט און אנידערגעשלאגן...

געגוג זיך געטון מוטשען,
זי רייסט ארויס איר Kitchen,
באשטעלט די Latest Trend,
איר Mood אין דעם געווענדט...
קוים א וואך זי פריידט זיך,
און דערנאך א טרויער צושפרייט זיך...

איר שכנ'טע רייסט ארויס,
גאר איר גאנצע הויז...
א קאנטראקט מיטן בויער,
אן עק צו איר טרויער.
אבער נאך די גאנצע איבערקערעניש,
פריש צוריק איר אלטע ביטערניש.

מאן און ווייב באשליסן,
א וואקאציע צו געניסן.
ביידע טרעפן זיך דארטן,
טענה'ן / קריגן זיך ביים בארטן...
"פריילעכקייט" אזוי טייער האט זיי געקאסט,
אבער עס האט זיך פארקערט אויסגעלאזט...

אלע ads שרייען,
קום עס נאר טרייען,
א לאנגיעריגע מומחה,
וועט דיר העלפן מיט שמחה,
עס טענה'ט יעדע עקספערט,
"א נייע מענטש מען ווערט".

דעם הייליגן רבי'ן'ס עצות,
לעבנסוויכטיגע spices,
דאס וועט טוישן דיין הלוך ילך,
דיר מאכן אינערווייניג פרייליך...
**התבודדות:** שמועס מיט דיין טאטע,
אלע דיינע סודות פריוואטע...
בעט אן הארץ, אן געפיל,
"באשעפער פרייליך זיין איך וויל"...

**צו הערן די גאנצע שיעור פונעם ראש ישיבה רופט 2212-444-9169**



ג. פעקעטע

# אן אומשולדיג פייערל

משפחת ווייס איז געבענטשט מיט א שטוב קינדער. אנגעהויבן מיט דריי בחורים, דערנאך נאך אפאר יונגלעך און מיידלעך אראפ קע"ה. ס'האט זיך דערנענטערט די בין הזמנים און די משפחה האט צוזאמען אויספלאנירט א שיינע טריפ, ווי מען וועט אוועק גיין לכבוד די יעצטיגע זמן וואס די בחורים האבן נישט קיין ישיבה.

זיי האבן זיך אויסגעוועלט א שיינע פלאץ, נאכגעפרעגט ביי די אלצווייסער'ס, און באשטימט אז זיי פארן אוועק קעמפינג פאר צוויי נעכט. די עקסייטמענט איז געווען גרויס, מען האט געקענט שפירן די שמחה אין די לופט! גאנץ משפחת ווייס האט זיך גענומען צו די ארבעט פון פלאנען און פאקן פאר אזא טריפ. מען דארף גוט אריינטראכטן און איינפאקן זאכן וואס מען נעמט געווענדליך נישט מיט ווען מען פארט אוועק סתם אזוי, איינשטיין אין א צווייטע דירה. דאס איז דאך קעמפינג! מען גייט שלאפן אונטערן פרייען הימל, אין פעלד פאר צוויי נעכט, מיט בלויז א דינע שטיקל סחורה וואס דעקט איבער דעם מענטש, מען שטופט זיך אזוי אריין אינעם אנגערופן טענט. די בחורים האבן זיך גענומען צו די ארבעט פון זוכן פלעשלייטס, בעטעריס, ראדיאס, און אזוי ווייטער, אלעס וואס זיי האבן געשפירט אז זיי וועלן דארפן האבן אין די וואלד ווען זיי שטעלן אוועק זייער טענט.

די מאמע האט פרובירט אנגרייטן עסן וואס וועט זיך האלטן פריש אינדרויסן, אבער דאך זעטיגן און אריינגעבן אביסל קרעפט

אין די קינדער, ווען מען איז אזוי אפגעהאקט פון א וואוין ארט. די קלענערע קינדער האבן פרובירט איינפאקן שפילצייג מיט וואס זיי וועלן זיך קענען באשעפטיגן בשעת וואס די עלטערע וועלן הנאה האבן פון פארברענגען אונטערן פרייען הימל אין א וואלד.

יעדעס קינד האט באקומען א זעקל וואס זיי האבן אנגעטון אויפן רוקן, אביסל וועש און סיפורי צדיקים האט מען אריינגעלייגט, און זיי האבן זיך ארויסגעלאזט אויף די רייזע. "נישט פארגעסן" האבן אלע דערמאנט איינער, "מען מוז איינפאקן די מארשמעלאו'ס צו מאכן א קעמפ פייער און בראטן מארשמעלאו'ס און אזוי יוצא זיין די כזית מארשמעלאו וואס מען פירט זיך אז מען מוז עסן ווען מען טרעפט זיך ביי א קעמפ פייער".

זיי לאזן זיך ארויס אויפן וועג. נאך אפאר שעה פארן קומען זיי אן צו די באזונדערע ארט, וואס איז ספעציעל געאייגנט פאר היימישע אידן וואס ווילן פארברענגען אביסל אין א קעמפינג ענווייראמענט - סביבה.

גלייך האט זיך געשטעלט א מנין מנחה, נאכגעפאלגט מיט מעריב. יעדער איז זיך צוגאנגען צו זייער משפחה'ס באשטימטע שטיקל ערד. דארט האט זיך משפחת ווייס גענומען צו די עבודה פון אויפשטעלן זייער טענט. האלבוועג'ס אינמיטן אויפשטעלן די טענט, האבן די בחורים שוין נישט געקענט ווארטן מער, און האבן זיך געאיילט צו מאכן א גרויסן קעמפ פייער. דאס איז דאך די ציל פון גיין קעמפינג, מען זיצט אזוי אינדרויסן, ס'איז טונקל, ס'בלאזט א ווינטל, און די געשמאק וואס מען שפירט ווען די האלץ כאפט די פייער און עס הייבט אן ברענען א זויל, קען מען נישט באשרייבן... די משפחה האט אראפגעלייגט האנטוכער אויף די ערד, און זיך אוועקגעזעצט אזוי ארום פארברענגען, זינגען ווארעמע ניגונים און הנאה האבן פון זייער אויספלוג.

יצחק, דער צווייטער בחור, האט נישט געהאט צופיל זיץ פלייש. ס'איז זייער שיין צו קוקן אויף א פייער - האט ער געקלערט צו זיך - אבער איך גיי דא אזוי זיצן און קוקן אויפן פייער? לאמיך פרובירן מאכן אז די פייער זאל ברענען ווי שטערקער, העכער און גרעסער. יצחק איז ארומגעלאפן אין די ארומיגע באוואקסענע וועלדער און געזוכט צו ברענגען ווי מער שטיקלעך האלץ צו אונטערצינדן זייער קעמפ פייער, ס'זאל ברענען שטערקער און לענגער.

יצחק קומט צוריק מיט איין אטעם איבערגעבויגן, פרובירנדיג צו האלטן אלע צווייגעלעך וואס ער האט צאמגעקליבן. ער הייבט



אן אויסשטעלן די צווייגן אויף א געוויסע וועג וואס ער געדענקט אמאל הערן פון איינע פון זיינע חברים וואס ווייסן די זאכן גוט. ער האט מסביר געווען וועלכע וועג מען שטעלט די העלצעלעך עס זאל גרינג און שנעל אנהייבן פלאקערן.

די אנדערע קינדער פון די משפחה זענען געווען גאר צופרידן מיט די קליינע פייער, זיי האבן שוין געהאלטן אינמיטן אריינשטעקן זייערע צווייגעלעך באקרוינט מיט אפאר מארשמעלאו'ס אין די קליינע פייערל. די מארשמעלאו איז געווארן קודם בלוי פון די פייער, און נאכדעם אראנדזש און שנעל איז עס אריבערגעגאנגען צו שווארץ, ווען די פייער האט אפגעוועפט פון די מארשמעלאו, און איבערגעלאזט נאר א טרוקן שטיקל אש.

״לאמיר פרובירן נאכמאל״, האט רבקה געזאגט, ״דאס איז אש״, און זי האט עס געגעבן א שיס אריין אין די ריכטונג פון די וואלד. זי נעמט א נייע צווייגעלע און לייגט ארויף אפאר מארשמעלאוס פון אויבן, און פרובירט עס אריינשטעקן נאכאמאל נאנט צו די פייער.

יצחק איז אבער דאן שוין געווען פארנומען אריינלייגן זיינע צווייגן אין די גרויסע פייער, און ער האט איר געבעטן צו ווארטן. אזוי ווארטנדיג גיבט מאיר'ל א שריי אויס:

'ס'ברענט!'

יצחק צולאכט זיך אויפן קול, ״אוודאי ברענט, פארדעם בין איך געגאנגען ברענגען די צווייגן, איך וויל עס מאכן ברענען ווי שענער און שטערקער״. ״אבער כ'האב מורא״ - לייגט מאיר'ל צו. ״מען דארף נישט מורא האבן״ האט דער טאטע בארואיגט ״דער אייבערשטער היט אויף אונז, ס'איז נישטא וואס זיך צו זארגן״. מאיר'ל האט אבער אנגעהויבן שרייען: ״ס'ברענט ס'ברענט, מען דארף אוועקלויפן״. אזוי שרייענדיג האבן זיינע פינגערס געוויזן אין גאר א צווייטע ריכטונג, נישט אויף די קעמפ פייער, נאר אויף א פייער וואס האט אנגעהויבן פלאמען ביי די צוואקסענע ארומיגע ביימער. יעצט האבן שוין אלע אנגעהויבן מיטשרייען: ״אוי, ס'ברענט, א עכטע וואלד פייער״! ס'האט אמת'דיג אנגעהויבן ברענען.

דער רבי זאגט: ״ס'איז דא אמאל וואס א קליין שפענדל קען אונטערצינדן א גרויסן קלאץ״.

דא האט זיך עס קלאר ארויסגעוויזן, רבקה'ס אומגעלונגענע מארשמעלאו וואס זי האט אריינגעווארפן אין די וואלד מיט איר צווייגעלע, קוקט אויס האט נאך געהאט עפעס פייער אין זיך. אזוי זיצנדיג אין די וואלד, נאך עטליכע מינוט האט זיך עס צופלאמט און אונטערגעצינדן אפאר בושעס פון ביימער.

מיטן אייבערשטנ'ס הילף איז געווען דארט געלערנטע צו לעשן פייער'ס. מען האט זיי געקענט רופן מיט בלויז א קוועטש פון א קנעפל וואס יעדע משפחה באקומט ביים ארויסדינגען זייער שטיקל פעלד, אויב ס'מאכט זיך חלילה אן עמערדשענסי.

משפחת ווייס - ווייסן שוין היינט גוט די כח פון איין קליינע צווייגעלע, איין קליינע לעכטעלע, א קליינע שפענדל - עס קען באלייכטן, אונטערצינדן, אויפפלאקערן א גאנצע וואלד, א גאנצע וועלט, א גאנצע דור. מיט א קליינע הפצה וואס דו טוסט, און דו שפירסט זיך אזוי צובראכן דערוועגן, 'וועט יענער בכלל אויסהערן די SD קארד וואס כ'האב אים מיטגעטיילט? זיכער וועט יענער ארויסווארפן די קונטרס וואס איך האב אים יעצט מיטגעטיילט! איך שפיר זיך חוזק צו פארשפרייטן די שכל פונעם הייליגער רבי'ן, אויף סיי וועלכע וועג'.

אבער קוק וואס איין קליינע שפענדל טוט! דו שפירסט ביי זיך ווי דו קענסט נישט אויפטון צופיל פאר אידישקייט, דו ביסט דאך נאר דיך. אבער, אפשר די איין קליינע זאך וואס דו גייסט ארויס פון דיין וועג אין הפצה, צו פארשפרייטן דעם רבינ'ס עצות און לימודים, וועט אונטערצינדן א צווייטן וואס האט יא די כח אויפצופלאקערן און באלייכטן די גאנצע וועלט מיט דעם הייליגן רבינ'ס עצות?!

דער ראש ישיבה שליט״א פארציילט אלס אויף זיך, אויף זיין סיפור התקרבות, ווי פון איין אשר בנחל וואס איינער האט אים מיטגעטיילט, איז ער היינט די גאנצע וועלט באלויכטן, און אנגעווארעמט, דורך דער ראש ישיבה'ס שיעורים, וואס ברענגט אריין דעם הייליגן רבינ'ס אור אויף די גאנצע וועלט.

אזוי ווי דער רבי האט געזאגט: ״האש שלי תוקד עד ביאת המשיח״.

**וועם צינדסטו אן דאס יאר אז זי לאזן דעם מאן פארן צום הייליגן רבינ'ס ראש השנה תשפ״ו?**

# פאקטן
## און ציפערן

3000
וואסער באטלע
פארטיילט זומ

10,000
קאסט

$30,000
חלוקה קאסטן

$250,000
פסח חלוקה



000
מתנות לאביונים



בית התבשיל
גייט טיילן און טיילן

מסיבה
השנתי




$100,000

תשרי
חנוכה



18

$1



גוים
נארנידש,
געזאד"ג

# בנין החדש
# $200,000



$50,



אנשי שלומינו
גייען טיילן און טיילן

זונטאג
שופטים




פראיעקט

# ראש הש




ש. טראכטער

# ה תשפ"ו

## אומאן ראש השנה !

**ביי זייער אסאך פרויען, ספעציעל אין אנהייב התקרבות איז אומאן א נושא וואס מען שטופט און מען רעדט נישט דערפון, ביז מען טרעפט זיך אין א מצב וואס מען מוז שוין אפמאכן וואס מען טוט. און אפילו ביי פרויען וואס די מאן גייט שוין יארן איז עס נאך אלס א שווערע נושא.**

**מיין חבר'טע – וואס איר מאן רישט זיך בס"ד צו גיין דאס ערשטע מאל קיין אומאן – פרעגט מיר כסדר ווען מיר עפענען אויף די "ליניע" א "סופארט גרופ" א חיזוק גרופ. ב"ה עס איז דא אויף "קוואל פון אמונה" א הערליכע פאנעל פול מיט חיזוק, און בס"ד וועלן מיר אויך היינט זיך אביסל מחזק זיין מיט די חיזוק פון אנדערע.**

**צום ערשט מוזן מיר אבער שרייבן דאס וואס דער ראש ישיבה האט אמאל נאכגעזאגט ביי איינע פון די שיעורים פון א אינגערמאן וואס איז געקומען בעטן חיזוק, ווייל זיין ווייב פאלט פון די כוחות, מיט דריי קינדער אונטער דריי.**

**דער ראש ישיבה האט נישט פארשטאנען וואס דער אינגערמאן וויל, ער דארף חיזוק? נישטא קיין מער מחוזק'דיגע זאך ווי דעם. וואס קען זיין זיסער און בעסער ווי פאלן פון די כוחות צוליב אזעלכע מתנות... חיזוק דארפן די וואסווארטן אויף קינדער,אדער אויף נאך קינדער. ענליך, שטייען מיר היינט דא. די וואס די מענער פארן צום רבי'ן מקבל זיין אלע ברכות און תיקונים, די דארפן נישט קיין חיזוק. חיזוק דארפן די ווייבלעך וואס זייערע מענער גייען (דערווייל) נישט.**

**געלויבט דעם אייבערשטן די פארגאנגענע יאר איז געווען דאס ערשטע מאל וואס מיין מאן און קינדער זענען געפארן צום רבי'ן.**

**חיזוק האב איך געדארפט די יאר פריער. איך געדענק ווען איך בין געווען ביים פרויען צוזאמקום און די ווייבלעך האבן גערעדט פראקטישע עצות וויאזוי זיי פאקן און גרייטן צו די קינדער און איך האב געשפירט "איינדרויסן." נישט אלס די פער פרעשור (דרוקן פון אנדערע) נאר דאס הארץ האט אזוי געבענקט אויך זוכה צו זיין צו אלעס וואס דער רבי קען אונז געבן. נאכ'ן הערן אזויפיל יאר שיעורים, האב איך שוין געוואוסט צו בענקען דערצו.**

**דעם פארגאנגענעם יאר האב איך נישט געדארפט קיין חיזוק, איך בין געווען איבערגליקלעך. איך קלער, טייערע חברט'ע, אז מיט די מח מחשבה ווערט אלעס נישט נאר גרינג, נאר עס ווערט ליב. עס איז נישט קיין עבודה צו לאזן די מאן גיין, עס איז א זכות. אויב דו גלייבסט וואס דער רבי געט אונז, אויב דו ווייסט וואס דער רבי זאגט אונז אז "מיין ראש השנה איז העכער פון אלעס." און אויב איז מיר נאך שווער צו גלייבן אין די ווערטער און די מח רוישט נאך, האבן מיר דאך די מורא'דיגע מתנה פון תפילה, בעטן און בעטן און נאכאמאל בעטן "באשעפער באלייכט מיר מיינע אויגן צו זען דעם אמת, גיין מיט'ן אמת און בלייבן ביים אמת."**

**וועט איר פרעגן אויב עס איז נישט שווער? אוודאי איז נישט גרינג. געלויבט דעם אייבערשטן אז מען האט א שיינע לעבן אין שטוב איז קיינמאל נישט געשמאק צו זיין אן די מאן, ספעציעל אויף יום טוב, און אוודאי נאכמער ווען עס איז שווער מיט די ארומיגע משפחה. ניין, עס איז נישט גרינג, וואו האסטו געלערנט דעם כלל אז אלץ אין לעבן איז גרינג? דער ראש ישיבה האט אמאל געזאגט, "מען טוט וואס איז ריכטיג, נישט וואס איז גרינג."**

**מיט אט די הקדמה קענען מיר אנהייבן רעדן פראקטיש, וויאזוי זיך גרינגער צו מאכן, פריילעכער מאכן און מאכן אז די תקופה זאל בס"ד זיין רואיג.**

**מיר ברענגען אייך אצינד מיטן אייבערשטנ'ס הילף דריי פרויען וואס זייערע מענער זענען געפארן צום ערשטן מאל פארגאנגענעם יאר, לאמיר הערן פון זיי וואס זיי דערציילן, וואס האבן זיי ערווארטעט, וויאזוי איז די יום טוב געווען פאר זיי און וואס קענען זיי מיטטיילן מיט אייך.**

## ר.פ.

וועןן מיין מאן האט באשלאסן אז דאס איז עס, ער פארט קיין אומאן, האב איך געמאכט א שנעלע חשבון אז "איך" וועל זיין די ספעציעלע ווייב. איך האב כסדר געטראכט אז "איך" בין א וואוילע ווייב, אן אשה כשירה און אפילו געמאכט זיכער אז מיין מאן ווייסט דערפון.

מיין מאן, איז נאך דאן געווען אליינס צעמישט פון זיין באשלוס, און ער האט געדארפט אז די ווייב זאל אים געבן א שטופ און זאגן, "טו עס! עס לוינט פאר אונז." אבער איך בין געשטאנען אין די זייט און אים געזאגט, "איך האלט דיר נישט אפ." און איך האב געשפירט אז דערמיט טו איך נאך לפנים משירת הדין. איין טאג ווען מיין מאן איז געווען אזוי צעמישט, האב איך זיך ארויסגעכאפט אז איך ווייס אז ער וויל אפשר אז איך זאל זאגן "ניין" און אזוי וועט ער האבן א תירוץ דא צו בלייבן, אבער איך זאג נישט ניין, איך בין נישט די מניעה.

ווען עס איז געקומען נענטער האב איך אים יא מחזק געווען און געזאגט אז ער זאל גיין און פועל'ן אלעס גוטס, אבער אין הארצן האב איך כסדר געטראכט אז עס קומט מיר א מעדאל. עס איז דא פרויען וואס שטערן און מאכן שווער, און איך בין אזא צדיקות אז איך "לאז" מיין מאן פארן. אין א געוויסע זין איז מיין מאן געפארן, ווייל ער האט נישט געהאט א סיבה פארוואס נישט... די ווייב האט זיך נישט קעגנגעשטעלט איז פארוואס טאקע נישט?

אבער ווי נאר מיין מאן איז ארויסגעפארן, און איך האב מיטגעהאלטן אויפ'ן טעלעפאן די מיטשעניש, די וועגן, די אויסגעמאטערטקייט, האט זיך פלוצלינג מיין מח געגעבן א דריי אויס און איך האב איינגעזען אז נישט "איך" בין די ספעציעלע פרוי, נאר אז איך האב די זכי' צו זיין חתונה געהאט מיט א מאן א צדיק. מיין מאן איז דער וואס איז אזוי ספעציעל. מיין מאן האט זיך אונטערגענומען א שווערע נסיעה, עס איז אים זייער נישט אנגענעם צו זיין אוועק

פון שטוב יום טוב, און זיין ווייט פון די ווייב און קינדער. פארוואס האט ער דאס געטון? ווייל ער וויל זיין ביים צדיק, ווייל ער גייט פועל'ן פאר אונז. עס איז מיר געווען אזא שטראל אין מח וואס האט זיך צעבליצט, "איך" בין ספעציעל? קען זיין, אבער מער פון דעם האב איך איינגעזען אז איך האב א ספעציעל טייערע און ערליכע וואוילע מאן, וואס פאלגט צדיקים מיט תמימות און פשיטות. ער גייט דאך אהין מיט ריינע אינטערעסן, זיך צו מקשר זיין מיט'ן רבי'ן און זוכה זיין צו תשובה און צו א גוט יאר

ווען עס איז מיר געווארן אביסל שווער מיט די קינדער אליינס האב איך זיך געזאגט צו זיך אליינס, "טראכט ווי דיין מאן איז..." און די מחשבה האט מיר געמאכט פרייליך. דאס איז עפעס וואס דו און איך ווילן נישט אויפגעבן און עס איז ווערד די ביסל שווועריגקייט פאר די גרויסע ריוח

איין זאך וואס איך וואלט געוואלט מייעץ זיין, זיי נישט ווי מיר. אז דיין מאן דארף חיזוק צו פארן, געב עס, גיס עס, דאס מיינט אן אשה כשירה. דאס איז נישט נאר די ערשטע יאר נאר פארקערט, ווי איך פארשטיי, וואס א יאר עס גייט אריבער, דארף מען מער מחזק זיין די מאן און זיי דאנקען פאר'ן זיין "אונזער" שליח ציבור.

און אויב דו שטייסט פאר די ערשטע מאל וואס דיין מאן פארט קיין אומאן און ער וואקלט זיך, זאג אים: "לאמיר עס אויספראבירן איין מאל." צומאל דארף מען "מסכים זיין" און צומאל איז אן אשה כשירה איינער וואס קען שטופן איר מאן צו טון דאס וואס ער וויל באמת, אבער האט נאכנישט די כוחות

איך האב איינגעזען אז אויב איך וויל אז מיינע קינדער זאלן ארויפקוקן אויף מיין מאן אז ער פארט צום רבי'ן איז דאס עפעס וואס איך דארף אליינס שפירן, מען קען דאס נישט מאכן. עס מאכט נישט קיין חילוק וואס דו זאגסט אדער דו טוסט, עס מאכט א חילוק וויאזוי דו שפירסט. אויב ביי דיר אין קאפ ביסטו פרייליך, דאן וועלן עס די קינדער שפירן און שעצן. רעספעקטירן דעם מאן איז עפעס וואס איז אין מח, מען דארף נישט אזויפיל רעדן, דאס איז שטום שפראך וואס די קינדער כאפן אליינס אויף. אז דו טראכסט ביי דיר אז דיין מאן איז אזוי ספעציעל, ערליך, גוט וכו' וועלן עס די קינדער אטאמאטיש שפירן

מיר פראבירן אזוי שטארק צו זיין די "גוטע עלטערן", אבער כדי דאס זאל קענען געשען, מוזסטו גלייבן אז זיי האבן טאקע וואוילע און גוטע עלטערן! דאס וואס דו טראכסט שפירסטו, און דאס וואס דו שפירסט דאס געשעט אין די ווירקליכקייט. ווען די קינדער שפירן די ליבשאפט און שעצונג דאן זענען זיי שטאלץ מיט זייערע עלטערן און מיט זייער דרך

אסאך פרויען טראגן זארגן אויב יום טוב אן די מאן וועט נישט זיין צו שווער, און די זארג געמישט מיט דאגה צעמישט די מח און מען הייבט אן טראכטן אז איך וויל נישט מיין מאן זאל פארן!

אבער אין אמת'ן דארף מען פארשטיין אז מען קען האבן צוויי געפילן אויף איינמאל, מען קען שפירן איינזאמקייט ביי די סעודה, אבער אין די זעלבע צייט פרייליך אז מיין מאן איז אין אומאן ביים רבי'ן און איז זוכה צו הייליגע זאכן. שטופ נישט אוועק דיינע געפילן, זיי זענען באמת ריכטיג, און אז דו וועסט זיי אריינלאזן וועסטו אויך טרעפן פלאץ אין דיין הארץ פאר די צווייטע געפיל, שמחה. מען קען שפירן שמחה און זארג, פרייליך און איינזאם, טרויעריג און צופרידן, עס איז נישט קיין סתירה

צומאל ווען מען ווייסט אליינס נישט וואס מען שפירט, מאכט מען איין גרויסע טשאלנט פון אלע געפילן און דאס ברענגט נישט גוטע תוצאות. פון די צווייטע זייט וועלן זיין פרויען וואס וועלן מאכן א "מענטל בלאק" (א שלאס אין מח) און זיך אליינס איינרעדן, "עס גייט מיר נישט אן, עס איז זייער פיין צו זיין אליינס וכו'." דאס איז אויך א וועג פון אנטלויפן פון די מחשבות וואס איז נישט ריכטיג. די געזונטע צוגאנג, איז ווי דער הייליגער רבי לערנט אונז, זיך נישט קריגן מיט די מחשבות, נאר טראכטן גוטע מחשבות, ווייל א מענטש קען נישט טראכטן צוויי זאכן אויפאמאל

אז איך וועל טראכטן פון די גוטע חלק, פון די חלק וואס איך וויל באמת, וועט דיר ווערן גרינגער און פרייליכער אויפ'ן הארץ

עס איז שווער צו זיין אליינס? זיכער. אבער איך וויל עס? זיכער. איך פריי זיך אז מיין מאן איז ביי א הייליגע פלאץ, איך פריי זיך אז ער טוט וואס דער הייליגער רבי האט געזאגט, איך פריי זיך אז ער פירט אויס זיינע שאיפות און רצונות און אין די זעלבע צייט, שפיר איך אביסל איינזאם, טרויעריג,

פארלוירן, וכו'. דאס איז א וואונדערליכע עצה. דו מעגסט שפירן צוויי קעגנזייטיגע געפילן אין איין מינוט

אגב, איך האב אמאל געהערט אז ווען די אידן זענען אריבער די ים סוף האבן זיי געזינגען שירה. אויך די מלאכים האבן געוואלט זינגען שירה. אבער דער אייבערשטער האט זיי געזאגט, "מעשי ידי טבעו בים, ואתם אומרים שירה?" מיינע באשעפעניש ווערן דערטראנקען און עטס זינגטס שירה? שטעלט זיך די שאלה פארוואס די אידן האבן יא געמעגט זינגען שירה? ווערט געברענגט אז ביי א מלאך איז נישטא אזא זאך פון צוויי געפילן, א מלאך קען נישט שפירן דאס וואס א מענטש קען שפירן, "פרייליך אויף די נסים און טרויעריג אז אזויפיל מענטשן שטארבן." נאר א מענטש האט די מתנה צו קענען שפירן צוויי זאכן אויפאמאל. דארפן מיר זיך מחזק זיין דערמיט און זיך אליינס אננעמען אז מיר שפירן צוויי געפילן, ווי צום ביישפיל "איינזאם און פרייליך."

אויך איז גוט אריינצונעמען אין קאפ אז דאס איז וואס איך וויל (אפילו איך שפיר עס נישט אויף די מינוט) און אויב לייענסטו די ארטיקל און דו טראכסט "איך וויל נישט..." בעט דעם אייבערשטן אז דו זאלסט וועלן, וועלן... טון וואס איז ריכטיג און הייליג. מיט תפילה פועל'ט מען אלעס. תפילה איז שטערקער ווי לאגיק און שכל.

דאס איז א פראקטישע שכל אין לעבן בכלל, "איך וויל" א משפחה מיט קינדער. עס איז שווער? ריכטיג, אבער דאס וויל איך. אויב וואלט איך עס נישט געהאט וואלט איך מקנא געווען די וואס האבן עס יא. איך וויל זיין א איד. איך וויל די עצות און שכל פון הייליגן רבי'ן. ווען איך וואלט עס נישט געהאט, וואלט איך זיכער מקנא געווען די ברסלב'ע ווייבל

טייערע שוועסטער, עס איז נישט אלעמאל אזוי גרינג, אבער עס לוינט. אויף יעדן גייט איבער וואס גייט איבער און איך האב געזען בחוש ווי אין אסאך נושאים ווי מיר האבן געדארפט ישועות האט אונז דער אייבערשטער געהאלפן מיט גרויס חסדים, און איך ווייס אז דאס איז בזכות וואס מיין מאן איז געווען ראש השנה ביים גרעסטן אדוואקאט. און אויב ווילסטו מיר זאגן, "מיין מאן איז געווען אין אומאן און עס איז אריבער אויף אונז א יאר, בכלל נישט אזוי גרינג..." וויל איך דיר ענטפערן, "וואס



ווייסטו? אפשר וואלט עס געדארפט זיין אסאך אסאך שווערער, און דער רבי האט זיך געמיעט פאר ענק. ביסט אפגעקומען מיט גרויס רחמים...״

איין זאך דארפן מיר געדענקען ״בזה העולם פלאגט זיך יעדער״, וואויל איז אונז אז אונזער פלאג און מי גייען פאר גוטע זאכן

## ג.ל.

ווען עס איז ענטגילטיג באשטומט געווארן אז מיין מאן וועט טאקע פארן קיין אומאן, האט מיין הארץ און מחשבה געהאלטן אין איין שפרינגען צווישן שמחה און זארג, איך האב נישט געוואוסט וואס צו ערווארטן. עס איז געווען פאר מיר א נייע זאך, בלייבן אליינס אין שטוב יום טוב, און דערצו איז פאריגע יאר געווען דריי טעג יום טוב, אזוי אויך האט מיר גענאגט וויאזוי די עלטערן און משפחה וועלן דאס אויפנעמען, דאס האט צוגעגעבן אסאך דרוק אין מח

די ערשטע זאך וואס איך האב געוואוסט אז איך מוז טון, איז אסאך תפילה. איך האב געהאלטן אין איין בעטןביים אייבערשטן אז איך זאל קענען בלייבן אין א גדלות המוחין, נישט ארייננפאלן אין א נארישע קטנות און זיך לאזן צוברעכן, דערשרעקן אדער טרויעריג ווערן

איין זאך האב איך זיך שוין ב״ה דערלערנט פון די שיעורים (פון צווישן אסאך אנדערע זאכן) אז א מאמע האט א גרויסע כח צו אריינברענגען א מצב רוח אין די הויז. ממילא האב איך געמאכט א פעסטע קבלה (ליין: תפילות) אז זאל זיין וואס זאל זיין און קיין חילוק וואספארא גיסטע איך וועל שפירן, וועל איך שפילן משונה פריילעך. אזויווי מיין מאן איז געפארן מיט אפאר אינגלעך, האט די גאנצע הויז זיך גענומען דרייען ארום אומאן. מיר האבן געהאט אויסגעלייגט א גאנצע שאפע מיט אינטערעסאנטע פריילעכע זאכן פאר אומאן

שוין פון אינמיטן חודש אב האט מען געבאקן קיכעלעך, נישט אז עס האט אזוי אויסגעפעלט, אסאך איז איבערגעבליבן, אבער עס האט זיך אויסגעפעלט פאר די מצב רוח, און אויפגעשריבן אויף די בעקעלעך ״אומאן.״

די אינגלעך האבן אויפגעהאנגען אין צומער א צעטל מיט א ״קאונטדאון״, זיי האבן יעדן טאג געשריבן נאך וויפיל טעג און וואכן איז פארבליבן

העיקר, אומאן איז געווען א פריילעכע לעבעדיגע זאך ביי אונז אין שטוב, (אפילו נישט אלעמאל האט די מאמע געשפירט אזוי) ביז די קליינע קינדער האבן געוויינט פון קנאה, און מען האט זיי געמוזט צוזאגן ספעציעלע מתנות פאר'ן נישט פארן קיין אומאן

עס איז נישט אלעמאל געווען אזוי ״ראזע״. אבער אזויווי פריער געשריבן, אויב מען ווייסט די ציל, און מען איז גליקליך מיט די זכי', פאלן אוועק אלע געפילן און הרגשים. צומאל ווען עס האט מיר אנגעכאפט אן אומעטיגקייט אדער אנגסט האב איך זיך געזאגט ״באלד, באלד, וועל איך עס מסדר זיין.״ דאס האט מיר געהאלפן זיין א ״מח שליט על הלב״. אנשטאט זיך לאזן ווערן אריינגעצויגן אין א מצב פון א שלעכטע גיסטע אדער זעלבסט רחמנות האב איך זיך אליינס געזאגט אז ״באלד״ קומט ״מי-טיים״ (התבודדות) ווי איך וועל אויסדערציילן מיין ווייטאג אז איך וויל נישט בלייבן אליינס, שרעק, וואס גייט זיין? צעמישעניש, צו וויל איך אפילו ער זאל פארן? ספיקות, צו מוז מען טאקע פארן? אזויפיל ערליכע מענטשן גייען נישט.... מיין

טאטע איז נאך גענוג אן ערליכע איד וכו',
דאס אלעס וועט מען לאזן אויף שפעטער,
יעצט וועל איך בלייבן פאקוסט און טון וואס
איך האב צו טון

ווען עס געקומען די טאג פון אומאן, איז הערשט דער יצר הרע נישט געשלאפן, און מען דארף אייזערנע כוחות און אסאך תפילה זיך צו האלטן פרייליך און רואיג. יענעם טאג האב איך געמאכט א חשבון אז די עצה צו ווערן מחוזק איז צו גיסן חיזוק פאר אנדערע. האב איך ארומגערופן אנדערע פרויען וואס זייערע מענער פארן, און צוזאמען האבן מיר זיך פרייליך געמאכט און פראבירט בלייבן פרייליך

ב"ה די קאראוואן האט זיך ארויסגעלאזט..

יעצט דארף מען הערשט כוחות! איז לאמיר אייך זאגן אז באמת איז עס געווען אסאך גרינגער ווי איך האב זיך פארגעשטעלט. איך בין געבליבן אין שטוב מיט איין גרויסע מיידל און דריי יונגערע קינדער. אויך דא האב איך גענומען די כלל אז די ניגון וואס די מאמע זינגט, דאס גייט אריין אין די "די. ען. עי." אין די בלוט פון די קינדער

איך האב זייער געוואלט אז "אומאן" זאל בלייבן א ווארט פון נאסטאלאגיע ביי אונז אין שטוב, א תקופה וואס מען דערמאנט מיט ליבשאפט. איך שפיר אזוי יעדעס מאל וואס עס מאכט זיך סיי וועלכע תקופה וואס קען ווערן אנגעשטרענגט, לוינט זיך די אינוועסטמענט פון די מאמע אין די צייט, זיך אביסל איבערהייבן און נישט קוקן אויף זיך די פאר טעג, כדי עס זאל בלייבן אנגענעם פאר די קינדער. שפעטער וועט מען שוין קעיר נעמען פון זיך, אבער אין די צייט לוינט זיך צו שטארקן און בלייבן פרייליך, עס לוינט זיך פאר דיר אליינס

דורכאויס די וואך האב איך פראבירט האלטן קאפ אז עס זאל זיין געשמאק פאר מיר און פאר די קינדער אין שטוב. מיר האבן זיך ערלויבט זאכן וואס איך טו נישט א גאנץ יאר, ווי באשטעלן עפעס צו עסן

אויך איז זייער וויכטיג צו האבן חבר'טעס פון אנשי שלומינו מיט וועמען זיך צו מחזק זיין. מיר זענען געווען א גרופע פון פרויען וואס מיר האבן געשפירט באקוועם צו רופן אין יעדע צייט, בייטאג און ביינאכט. די מענער זענען דאך נישט אין שטוב, ממילא ווער עס האט זיך געלייגט האט

אויסגעלאשן דעם טעלעפאן

אמאל האב איך געשפירט ווי איך דארף א שטופ, און אמאל איז עס געווען די חבר'טע וואס האט געדארפט די חיזוק. אזוי האבן מיר זיך איינער דעם צווייטן מחזק געווען. אין יענע תקופה זענען מיר באמת געווען נענטער ווי געשוויסטער. מיר האבן זיך פארשטאנען אויפ'ן וואונק, געוואוסט וואס צו זאגן, ווען צו זאגן

אין יענע טעג האבן מיר אסאך קרובים און אלטע פריינט גערופן, יעדער מיט זייער אייגארטיגע קאמענטארן און חיזוק (חוזק?) איך האב איין מאל גערעדט צו איינער פון מיין משפחה און זיך געשפירט גוט צובראכן נאך די שמועס. מיין מאן איז דאך נישט געווען אין שטוב מיר אויסצוהערן, ער איז נאך געווען אויף די וועגן ווען מען האט ממש נישט געקענט רעדן צווישן וועגן און שטעגן... דאן האב איך אפגעמאכט אז ביז מיין מאן קומט אהיים בין איך נישט "אוועילעבל" צו הערן... אפילו חיזוק. איך האב נאר אויפגעהויבן דעם טעלעפאן פאר פרויען פון אנשי שלומינו (ניטאמאל פון די עכטע ברסלב...)

דאס איז נישט געקומען פון א "שוואכקייט". פארקערט דאס איז געקומען פון א פלאץ פון זיכערקייט. איך בין געווען זיכער ביי זיך אז איך וויל זיך נישט צוברעכן... איך בין אויך געווען א מכיר את מקומו און געוואוסט אז איך בין אין א מצב וואס איך קען זיך שנעל צוברעכן, און איך האב זיך עס נישט געקענט ערלויבן

איך מוז אייך זאגן אז עס איז געווען זייער געשמאק, מיר האבן באמת הנאה געהאט. אויך זענען מיר זיך צוזאמגעקומען אלע פרויען פון אנשי שלומינו פון אונזער געגנט און פארברענגט מיט א געשמאקע מיטאג, דאס האט אונז געגעבן פרישע כוחות אויף ווייטער!

יעדער פון אנשי שלומינו האט אויסגעארבעט די יום טוב וויאזוי עס האט זיך אויסגעשטעלט גוט פאר זיי. איך בין געבליבן אין שטוב. איר וועט מיר פרעגן וויאזוי יום טוב איז געווען? וואס זאל איך אייך זאגן, זאל איך אייך איינרעדן אז עס געווען "הערליך?" ניין. איך האב אומצאליגע מאל געזאגט "שכח אייבערשטער אז איך האב א מאן, א טאטע פאר די שטוב." איך האב אסאך מאל איבערגעבעטן דעם אייבערשטן אויף דעם וואס איך רעד זיך

צומאל אפ אויף נארישקייטן, איך האב איינגעזעהן וואספארא שיינע לעבן איך האב. אבער איך בין געווען זייער פרייליך אז מיין מאן איז ביים צדיק, ביים הייליגן רבי'ן און פועל'ט פאר אונז א גוט יאר. (נ.ב. אסאך תפילות דארפן מיר אריינלייגן אז אונזערע מענער וואס זענען אפגעשוואכט פון דעם טלטול הדרך זאלן האבן כח און מח צו זיין א גוטע שליח ציבור פאר די גאנצע שטוב און האבן די מח מחשבה צו מתפלל זיין פאר אלע ישועות וואס מיר דארפן.)

מיין חבר'טע פרעגט מיר אויב עס האט זיך געשפירט נעבעכדיג. אביסל. איך האב געטראכט כסדר אז באלד באלד וועלן די קינדער חתונה האבן און איך וועל זיי אלע נעמען צו מיר אי"ה אויף ראש השנה, דאן וועט זיין ליסטיג און פרייליך!

אין הארץ איז מיר געווען פרייליך. דער הייליגער רבי האט געזאגט אז ווער עס איז געווען ביי מיר אויף ראש השנה קען זיך פרייען א גאנץ יאר. איך האב דאס מקיים געווען פון ראש השנה

איך קען אייך איין זאך זאגן, עס איז טאקע אביסל שווער אבער עס לוינט. נאר צו זען די שטראלנדע געזיכט פון די מאן און קינדער אהיימקומענדיג פון רבי'ן, דערמאנט די תנועה'לע "אוי...אוי... האט זיך עס געלוינט.... אוי.... אוי.... האב איך פארדינט."

געלויבט דעם אייבערשטן אז מיר האבן געהאט די זכי' דערצו און אז מיר האבן זוכה געווען אז די גאנצע יאר דרייט זיך ארום אומאן, די ערשטע האלב יאר רעדט מען "נאך" פון אומאן און די צווייטע האלב יאר רעדט מען "שוין" פון אומאן...!

א קליינע מעשה'לע וואס האט מיר געמאכט שמייכלען. מיין מאן האט מיר דערציילט אז אין אומאן האט ער געטראפן איינעם וואס פארט שוין איבער צוואנציג יאר קיין אומאן, יענער האט אים געזאגט אז ער מוז וויסן אז אזיוויי ער הייבט אן פארן, ווערט ראש השנה די יום טוב פאר די פרויען מיט זייערע מנהגים, און די מענער קענען זיך מער נישט מישן דערין. ער דערציילט אז אין די יאר פון קאראנא איז ער נישט געפארן קיין אומאן, ער איז געזעצן ביים טיש ווי א פרעמדער. אינמיטן טיש ברענגט מען אריין א גאנצע טאץ פון פירות, הערליך אויסגעשטעלט, אביסל אזיוויי חמשה עשר. ער פרעגט זיין ווייב וואס דאס מיינט?



## ס. שניצלער

**איך האב אמאל באמת געמיינט אז עס איז דא פונקט מנין אין אומאן, און איך בין די איינציגסטע חסידישע פרוי וואס געהערט צו די חסידות, צוביסלעך האב איך אנגעהויבן טרעפן נאך משפחות. מיר זענען ארויסגעקראכן פון די באהעלטעניש**

עס איז שווער היינט צו מסביר זיין פאר אנשי שלומינו וואס קומען אן צו שולחן עורך וויאזוי עס האט אויסגעזען "אמאל... אין די אלטע היים..." גיי זיי מסביר פאר איינעם וויאזוי מען האט אמאל געלעבט אן עיר קאנדישן אדער א פריזער.

אין יענע טעג איז נישט געווען קיין "קהילה", "מוסדות", "שיעורים" און "חיזוק האטליינס." עס איז געווען א יונגע פארפאלק "משפחת שניצלער" וואס האבן געלעבט א יונגע, זארגלאזע לעבן. מיין מאן האט מיר געזאגט אז ער וויל זייער פארן קיין אומאן. ער וואלט מיר געקענט זאגן אז ער וויל פארן צו די לבנה, איך האב נישט פארשטאנען דערצו און נישט געכאפט די גאנצע עסק. אבער איך האב איין זאך געוואוסט, "איך וויל זיין א וואוילע, גוטע אשה כשירה'דיגע פרוי", דעריבער האב איך אים נישט אפגעהאלטן.

איך האב אין יענע טעג נישט געהאט קיין שום געפיל צום רבי'ן, צו אומאן, איך האב נאר געוואלט טון 'וואס איז ריכטיג', און פון נאטור אויס האב איך עס געטון מיט א געהויבענע קאפ. איך בין געגאנגען אין גאס און געמאלדן מיט שטאלץ "מיין מאן איז אין אומאן אויף ראש השנה." ווייניג האבן געוואוסט פון די מושג, און אסאך האבן זיך געוואונדערט. איך בין נישט אויפגעוואקסן אין א חסידות ווי מיין טאטע פלעגט אוועקפארן אויף יום טוב, ממילא איז עס מיר געווען שווער. איך געדענק מיך שפאצירן אויף די גאסן פון וויליאמסבורג יום טוב און באטראכטן די טויזענטער טליתים, דערנאך גיין דאווענען אין שול, וואס איז געווען געפאקט מיט טליתים און דורכגעווייקט מיט תפילות און זיך וואונדערן, "פארוואס האט פונקט מיין מאן געדארפט באשליסן אוועקצופארן אויף יום טוב?" איך האב אים טאקע נישט אפגעהאלטן, אבער איך האב באמת נישט פארשטאנען דערצו

שפעטער האבן מיר געהאט א נס אז דער ראש ישיבה איז אריינגעקומען אין היכל הקודש. ווען דער ראש ישיבה האט געעפנט די ישיבה האבן צוביסלעך משפחות אנגעהויבן ארויסקריכן פון די לעכער. איך האב אמאל באמת געמיינט אז עס איז דא פונקט מנין אין אומאן, און איך בין די איינציגסטע חסידישע פרוי וואס געהערט צו די חסידות, צוביסלעך האב איך אנגעהויבן טרעפן נאך משפחות. מיר זענען ארויסגעקראכן פון די באהעלטעניש און זיך געפריידט איינער צום צווייטן ווי צו א גאלד גריב, "אה, דו אויך? דיין מאן אויך?..."

ווען דער ראש ישיבה האט ארויסגענומען

אין קורצן וואס איך וויל מיטטיילן פון אייגענע ערפארונג:

1) א מאמע האט א גרויסע כח צו מאכן א געשמאקע אטמאספער. אויב דו טוסט עס ממילא, טו עס ריכטיג! (נאר מיט תפילה און אפילו מען פאלט אדורך הייבט מען אן פון יעצט - אפילו עטליכע מאל אין א שעה!)

2) עס איז גרינגער ווי דו מיינסט.

3) זאג פאר דיינע געפילן אז "באלד" נעמסטו קעיר פון אים. און נעם טאקע קעיר, אבער אין א רואיגע מינוט. וויאזוי? מיט'ן רבינ'ס עצה פון התבודדות

4) רעד נאר מיט מענטשן וואס ווען דיר שטארק מאכן (ליין: אנשי שלומינו) צו אלע אנדערע חבר'טעס און עסקניות און קרובים וועסטו רעדן בס"ד חול המועד סוכות

5) מאך עס געשמאק פאר דיר אויך. ערלויב זיך זאכן וואס דו טוסט נישט געווענליך, אפשר מער הילף, קויפן א גוטע זאך, עס קומט זיך דיר! דו ביסט א העלד

א קעמפ פאר די בחורים זענען מיר יענע זומער אהינגעפארן. דעמאלטס פלעג איך זיך שטעלן ביים פענסטער און שטיל אויסהערן די בחורים שיעורים פון די זייט. דאס איז געווען דאס ערשטע מאל וואס איך האב געהערט די מושג פון ברסלב'ע רבי'ן, וואס די פייער פון ברסלב האט אנגעהויבן ברענען אין מיין הארץ. איך האב געהערט ווי דער ראש ישיבה זינגט ניגוני השתוקקות מיט די בחורים, "ראש השנה ביי מיר איז גרעסער פון אלעס.... וכו'" און די בענקעניש האט זיך אנגעצינדן אין מיין הארץ. איך האב אנגעהויבן ברענען און מתפלל זיין צום אייבערשטן אז מיין מאן זאל זוכה זיין צו גיין קיין אומאן. דאס איז געווען א נייע געפיל פאר מיר.

איך האב זיך אביסל געשפירט ווי אן ענגלישע דאמע, וואס קומט אן אין שפאניע און הערט א נייע שפראך, "ספאניש". זי פארשטייט נישט קיין ווארט, אבער צוביסלעך כאפט זי אויף א ווארט דא און דארט און דערלערנט זיך אויסשפראך. אזוי איז געווען מיט מיר, די ווערטער פון רבי'ן איז געווען אזוי פרעמד, אזוי ווייט, אזוי ניי, אבער צוביסלעך האט די שטויב פון צדיק אנגעהויבן אריינטראפן אין מיר. איך האב אנגעהויבן הערן פון התבודדות און עס אנגעהויבן טון. דער רבי האט אנגעהויבן לעבן אין מיר. דאס איז געווען א "געים טשענזשער" (א טויש אין א שפיל) ווי מען רופט עס. די גאנצע שטוב האט אנגעהויבן אטעמען דעם רבי'ן, אומאן און אלע אנדערע זיסע עצות. דאס איז נאר צו פארדאנקען דעם ראש ישיבה שליט"א וואס ער האט דאן אנגעהויבן מחזק זיין אויך די פרויען וועגן אומאן, און אונז געגעבן א נייע בליק אויף די גאנצע נושא וואס הייסט "אומאן."

אפאר פראקטישע עצות וואס איך וויל מיטטיילן מיט אייך, אויב איר בלייבט מיט א משפחה מיט קינדער. זייט מיינע קינדער זענען געווען קליין (היינט זענען זיי שוין ב"ה רוב חתונה געהאט) האב איך פראבירט מיט אלע כוחות אז די צייט פון "אומאן" זאל זיין א פרייליכע געשמאקע צייט. עס איז געווען א צייט ווען מיר האבן געמאכט "קעמפ" אינדערהיים. איך האב ב"ה געהאט א רייע מיידלעך, און יעדן טאג איז געווען עפעס אנדערש ספעציעל וואס מיר טוען נישט א גאנץ יאר. איין טאג איז מען ארויס "שאפינג" (איינקויפן) אין א "מאל". איינמאל האט מען זיך ערלויבט רעסטאראנט עסן, איין טאג האט מען פארברענגט ביי באבי

מיר האבן געקענט אויסציען די טאג, "ווייל מיר יאגן זיך נישט די באסעס... מיר קענען טון וואס מיר ווילן..." איך האב געוואוסט איין זאך, "זאל זיין וואס זאל זיין, אומאן גייט זיין די בעסטע צייט פון יאר." איך זאג אייך דעם אמת, עס איז ניטאמאל געקומען פון אזא הייליגע שטאנדפונקט. אין יענע יארן איז עס געקומען אביסל פון מיין עגא, אז "איך וועל נישט זיין א דורכפאל, איך בין נישט קיין רחמנות, אויב דאס איז מיין לעבן, דאן וועל איך זיך אליינס זאגן אז 'דאס וויל איך לכתחילה.' " איך האב עס געזאגט און געשפירט ביז איך האב עס טאקע "דערשפירט." און ב"ה אומאן איז ביי אונז געבליבן א צייט וואס "מיר מאכן א לעבן." נישט ח"ו אז עס איז געשמאק אן די מענער, פארקערט, עס איז א צייט ווען מיר זענען ערשט איין וויפיל מיר דארפן דאנקען דעם אייבערשטן אז מיר האבן א שיינע לעבן, אבער עס איז א צייט וואס מיר נוצן אויס די צייט און מאכן א לעבן!

עס איז שווער געווען? יא, אבער דאס איז קליין געלט קעגן די מתנות, השפעות און ברכות וואס אונזערע מענער ברענגען אונז אהיים פון רבי'ן.

ב"ה היינט האב איך שוין די זכי' אז מיינע טעכטער מופן אריין צו מיר און עס איז פאר מיר א מורא'דיגע הרגשות'דיגע געפיל צו געבן פאר מיינע קינדער דאס וואס מיר האבן נישט באקומען. א פלאץ ווי עס איז די "נארמאל" אז די מאן איז אין אומאן און עס איז געשמאק, מחוזק, מען טיילט מיט די שוועריגקייטן, די איבערגאנג, מען העלפט זיך איינער דעם צווייטן, און מיר האבן א הערליכע יום טוב אינאיינעם, בשעת אונזערע מענער (טאטע - איידעמער) פועל'ן פאר אונז

עס איז פאר מיר אזא נחת צו זען וויאזוי מיינע קינדער האבן געשוויסטער מיט וועמען מען קען, מעג און דארף רעדן אלעס איבער היכל הקודש, דער רבי', אומאן וכו'. עס איז נישט גרינג געווען אלעס איבערצוגיין אבער מיט א בליק אויף צוריק קומט מיר טרערן אין די אויגן און עס כאפט זיך ארויס די תנועה'לע, "פאלגן א צדיק, נאכגיין א צדיק...אוי ווי זיס ווען מען קוקט צוריק!" שוועסטער, חזק! עס ווערט נאר שענער און בעסער, און מיר מוזן זיך מחזק זיין אז ווען מיר וועלן ארויפקומען אויבן, וועלן אלע איינזען די הערליכקייט און שיינקייט פון דרך פון הייליגן רבי'ן

איך האב געזאגט פאר א חבר'טע די פארגאנגענע שבת, א פרישע מקורב, אז איך בין אויף גארנישט מוותר. ווען מען קומט אויף היכל הקודש שפירט מען צומאל אז מען געט אויף כבוד און שעצונג פון משפחה און פריינט, מען געט אויף "סאשעל סטעטוס", מען געט אויף א רייכע, בעל הבית'טישע לעבן (שמחות וכו'). איך האב איר אבער געזאגט אז איך בין נישט מסכים, איך געב גארנישט אויף, נאר וואס דען? איך לייג עס אוועק, איך געב עס אויף אפשר אויף די וועלט, (ביסט טאקע דארט? האסט עכט חתונה געמאכט אזוי פשוט? וכו') איך געב נישט אויף, ווען איך וועל ארויפקומען אויף יענע וועלט, וועט מיר אפווארטן א ריכטיגע "בענד" (שפילערס) בליטשקעדיגע לעקטערס, הערליכע זאלן. דארט וועלן אלע זאגן "אה, הא, איז דאס א געסעטלטע נארמאלע משפחה." דארט וועל איך זיין די ברענד נעים (אנגעזעענע מענטש). ריכטיג, יעצט שפעט מען... ריכטיג, יעצט וואונדערט מען זיך וועלכע ווינט האט מיר אהערגעבלאזן, אבער נאך אביסל, א קליין ביסל, וועט דאס אלעס אריבערגיין און דאן (און שוין יעצט) וועט זיך זינגען "אוי, אוי, אוי.... האט זיך עס געלוינט."






# קלאסיפיידס




Keep your family safe!
Adjustable reflectors for the entire family.
One size fits kid and adult, girl and boy.
Best investment only
$5.50
Call 845-662-4083




## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה יעקב הלל פארקאש הי"ו**
**וזוגתו בלימא תחי'**
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם און אלע קינדער.

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה אברהם יצחק אייזנער הי"ו**
**וזוגתו ביילא תחי'**
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם און אלע קינדער.

# קינדער בלעטל

## וויאזוי האט רבי נתן דאס מערסטע ארויסגעהאט דעם רבי'ן?

- ברסלב'ע חידות






## דערמאן זיך דעם שיחה

- א שיחה אין א בילד

דעם
# רבינ'ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד?**




**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער רבי האט געזאגט: "ווען נישט דעם אינגערמאן (ר' נתן) וואלט נישט געבליבן פון מיר קיין שמות בלעטל!"

## ברסלב'ע חידות

**רבי נתן האט געזאגט: איך האב מער ארויס געהאט דעם רבי'ן פון זיינע**

א. תורות
ב. שיחות און שמועסן
ג. עובדות
ד. תפלות

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער רבי האט אמאל געזאגט פאר ר' נתן: "די גאנצע וועלט הארעוועט פאר דיר!" (מ'קען נאכקוקן די מעשה און ספר פעולת הצדיק, אות תשכ"ט)

## געב א שמייכל

**וואס וועגט מער, א האלבע טויטע פיש אדער א האלבע לעבעדיגע פיש?**

געברענגט צו אייך דורך הר"ר אלחנן חיים רוטה שליט"א - גבאי צדקה פאר משפחות אין נויט

## א שטיקעלע ספר המדות

**אֱמוּנָה** - חלק ראשון

**סא. עַל יְדֵי חֲנֻפָּה, בָּא לְשֶׁקֶר.**

אַז מֶען חַנְפְּ'ט, זָאגְט מֶען לִיגְנְט.



# שרייב טישל

## לאמיר זיך באקענען

**הייב אן אריינצופילן יעדע ליין פון אויבן ביז אונטן** (צווישן צוויי ליינס לאזט מען ליידיג)**, און שיק אריין צום בלעטל וועם דו האסט געטראפן דא!**



**ווען דו ענדיגסט קענסטו אריינשיקן א בילד פון דיר** (מאך זיכער ס'איז א קלארע בילד פון דיין פנים)**, און אפשר וועסטו זיך אליין טרעפן אינעם שפיל קומענדיגע וואך!** (דעטאלן וואו צו שיקן דאס בילד קען מען זען אויף זייט 2)



בילד פון פארגאנגענע וואך: **זאבי בוים - כתה ג' - קרית ברסלב**

# מענטשערליך

## ר׳ בֶּערְל מִיטְן דֵיימַאנְט

**צְווייטֶע חֵלֶק**

מיר הָאבְּן לֶעצְטֶע וָואךְ גֶעעֶנְדִיגְט וִוי סֶענְדִי׳ס טַאטֶע פַּארְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן ר׳ בֶּערְל וָואס הָאט גֶעטְרָאפְן אַ בְּלִיטְשְׁקֶעדִיגֶע דֵיימַאנְט שְׁטֵיין, אוּן עֶר וִויל פָארְן צוּ דִי קֶענִיגְלִיכֶע שְׁטָאט עֶס אוֹיפְטוֹישְׁן, עֶר זָאגְט פַּארְן שִׁיפְס קַאפִּיטַאן אַז עֶר גֵייט זַיין חַבֶר.

***

דֶער קַאפִּיטַאן הָאט זִיךְ גֶעפְרֵיידְט צוּ הָאבְּן אַ חַבֶר אַן עוֹשֶׁר, עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר ר׳ בֶּערְל דִי בֶּעסְטֶע צוּמֶער מִיט אַ בַּאדִינֶער וָואס זָאל אִים הֶעלְפְן.

ר׳ בֶּערְל אִיז גֶעוֶוען אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ, עֶר פְלֶעגְט זִיצְן בַּיים טִישׁ אוּן לֶערְנֶען, אִינְמִיטְן הָאט עֶר זִיךְ פְרֵיילִיךְ גֶעמַאכְט מִיט זַיין פִידֶעלֶע אוּן גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע גוּטֶע זַאכְן. עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעגֶעסְן בַּיי דִי טִישׁ אוּן גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיטְן קַאפִּיטַאן. דִי גַאנְצֶע צַייט הָאט עֶר גֶעהַאלְטְן דִי דֵיימַאנְט שְׁטֵיין אוֹיפְן טִישׁ צוּ קֶענֶען זֶען וִוי שֵׁיין ס׳אִיז אוּן וֶוערְן פְרֵיילִיךְ. וֶוען ר׳ בֶּערְל אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען גוּט זַאט הָאט עֶר גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַרָאפְּגֶעלֵייגְט זַיין קָאפּ אוֹיפְן טִישׁ, אוּן אִיז אַיינְגֶעשְׁלָאפְן אַזוֹי גֶעשְׁמַאק...

ר׳ בֶּערְל גִיבְּט זִיךְ אַ וֶועק אוֹיף אוּן וָואס זֶעט עֶר? עֶר זֶעט דִי בַּאדִינֶער בַּיי דִי עֶק שִׁיף, עֶר שָׁאקְלְט אוֹיס דִי טִישְׁטוּךְ אַלֶע שְׁמוּץ פַאלְט אַרַיין אִין יַם אַרַיין! צוּזַאמֶען מִיט דִי דֵיימַאנְט שְׁטֵיין! ״אוֹי בַּאשֶׁעפֶער אִין אֵיין מִינוּט בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן צוּרִיק אָרֶעם!״ פַאר אַפָּאר מִינוּט אִיז ר׳ בֶּערְל גֶעוָוארְן זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג׳ אָבֶּער עֶר מַאכְט שְׁנֶעל אַ שְׁמֵייכְל וַוייל דֶער קַאפִּיטַאן מֶעג נִישְׁט זֶען אַז עֶפֶּעס אִיז דָא גֶעשֶׁען, אוֹיב יָא וֶועט דֶער קַאפִּיטַאן מֶער נִישְׁט זַיין חַבֶר אוּן אֶפְשָׁר אִים וֶועלְן אַרַיינְוַוארְפְן אִין וַואסֶער.

ר׳ בֶּערְל הָאט וַוייטֶער גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעשְׁמוּעֶסְט פְרֵיילִיכֶערְהֵייט מִיטְן קַאפִּיטַאן, עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר לֵייגְט מֶער נִישְׁט דִי טֵייעֶרֶע דֵיימַאנְט אוֹיפְן טִישׁ וַוייל עֶר הָאט מוֹרָא אַז אֵיינֶער קֶען עֶס גַנְבֶ׳ענֶען.

דִי שִׁיף קוּמְט שׁוֹין כִּמְעַט אָן צוּ דִי קֶענִיגְלִיכֶע שְׁטָאט, אָבֶּער ר׳ בֶּערְל וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶר גֵייט דָא טוּן אָן גֶעלְט אָן גָארְנִישְׁט, אָבֶּער עֶר גְלֵייבְּט אַז אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז זִיכֶער פַאר מִיר גוּט, אִינְמִיטְן קוּמְט דֶער קַאפִּיטַאן אוּן זָאגְט אִים: ״אִין דִי בֶּעיסְמֶענְט פוּן דִי





שִׁיף האָב אִיךְ מִיטְגֶעבְּרֶענְגְט אַסַאךְ זֶעק מִיט ווייץ, אָבֶער עֶכְט מֶעג אַ קַאפִּיטַאן נִישְׁט מִיטְבְּרֶענְגֶען אֵייגֶענֶע זַאכְן אוֹיף דִי שִׁיף", דֶער קַאפִּיטַאן הָאט מוֹרָא גֶעהַאט אֶפְשַׁר וֶועט מֶען זֶען אַז עֶר הָאט גֶעטוּן עֶפֶּעס וָואס עֶר טָאר נִישְׁט, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר זַיין בֶּעסְטֶער חָבֵר ר' בֶּער: "אִיךְ וֶועל דָא שְׁרַייבְּן אוֹיף דִי צֶעטְלֶעךְ אַז אַלֶע ווייץ אִיז דַיין אוּן ווען מְ'וֶועט אָנְקוּמֶען אִינְמִיטְן דִי שְׁטָאט ווֶעסְטוּ אִיבֶּער שְׁרַייבְּן נַייֶע צֶעטְלֶעךְ אַז דִי אַלֶע ווייץ אִיז מַיין".

נָאכְן עֶנְדְלִיךְ אָנְקוּמֶען מִיט דִי שִׁיף צוּ דִי קֶענִיגְלִיכֶע שְׁטָאט, אִיז דֶער שִׁיפְס קַאפִּיטַאן גֶעשְׁטָארְבְּן אוּן אַלֶע זֶעק מִיט ווייץ אִיז גֶעבְּלִיבְּן פַאר ר' בֶּערְל. עֶר הָאט עֶס פַארְקוֹיפְט פַאר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן צוּ קֶענֶען פוּן דֶעם מַאכְן מֶעל אוּן בַּאקְן בְּרוֹיט, ר' בֶּערְל אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶע עוֹשֶׁר, ר' בֶּערְל הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טֵיילְן אַסַאךְ צְדָקָה אוּן גֶעטֵיילְט עֶסְן פַאר אָרֶעמֶע מֶענְטְשְׁן.

דֶער הֵיילִיגֶע רֶבִּי עֶנְדִיגְט דִי מַעֲשֶׂה אוּן זָאגְט: דִי דַיימַאנְט אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען זַיינְ'ס וַוייל עֶר הָאט עֶס פַארְלוֹירְן, דִי ווייץ אִיז זַיינְ'ס וַוייל סְ'אִיז גֶעבְּלִיבְּן בַּיי אִים. אוּן פַארְוָואס אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ זַיין זַאךְ - צוּ וֶוערְן רַייךְ, וַוייל עֶר הָאט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן - עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן פְרֵיילִיךְ אֲפִילוּ סְ'אִיז גֶעשֶׁען צוּ אִים אַ טְרוֹיעֶרִיגֶע זַאךְ.

אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף זִיךְ פַארְוָואס עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ זַיין זַאךְ (צוּ זַיין אַ צַדִּיק) וַוייל עֶר הָאט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אַז סְ'גֶעשֶׁעט אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ הֵייבְּט מֶען אָן פוּן יֶעצְט צוּ זַיין גוּט אוּן פְרֵיילִיךְ.

***

דֶער טַאטֶע זִיצְט בַּיי סֶענְדִי'ס בֶּעט וֶוען זַיינֶע אוֹיגְן קְלֶעבְּן זִיךְ שׁוֹין כִּמְעַט צוּ אוּן דֶער טַאטֶע זָאגְט: "זֶעט אוֹיס אַז עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען בַּאשֶׁערְט פַאר דִיר צוּ הָאבְּן דִי רִימָאט קָאר אָבֶער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעוָואלְט זֶען אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט פוּן יֶעצְט אָנְהֵייבְּן זַיין פְרֵיילִיךְ. אוּן סֶענְדִי אִיז אַיינְגֶעשְׁלָאפְן זִיס...

צוּפְרִי וֶוען סֶענְדִי אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען הָאט עֶר גוּט גֶעדֶענְקְט אַז עֶר גֵייט אַרוּמְגֵיין מִיט אַ שְׁמֵייכְל וַוייל אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט זַיין רִימָאט קַארֶעלֶע זָאל זִיךְ צוּבְּרֶעכְן אִיז אַזוֹי גוּט!

אָפָּאר וָואכְן שְׁפֶּעטֶער אִיז סֶענְדִי'ס בַּאבֶּע גֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶר הוֹיז בַּאזוּכְן לִכְבוֹד חוֹל הַמּוֹעֵד סוּכּוֹת, דִי בַּאבֶּע זָאגְט פַאר סֶענְדִי ווִי סַאךְ זִי הָאט גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען זִי הָאט גֶעהֶערְט ווִי שֵׁיין סֶענְדִי חַזֶרְ'ט עִבְרִי אוּן זָאגְט תְּהִלִּים אוּן לֶערְנְט מִשְׁנָיוֹת אֲפִילוּ דִי הֵיילִיגֶע חוּמָשׁ, וֶועגְן דֶעם הָאט זִי אִים גֶעקוֹיפְט אַ מַתָּנָה! אוּן וָואס נֶעמְט דִי בַּאבֶּע אַרוֹיס פוּן אִיר בֶּעג? אַ גְרוֹיסֶע רִימָאט קָאר נָאךְ גְרֶעסֶער אוּן שֶׁענֶער ווִי דִי עֶרְשְׁטֶע! שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער.



# קליין און פיין


זאבי בוים


מענדי שווארץ


מלכי יאקאבאוויטש


פייגעלע פרידריך


אשר פערל


צווייטע קלאס שטעטל סקול


בית פיגא שטעטל
ערשטע קלאס


נחמן נתן רוטה

שיקט אריין אייער אייגן געמאכטע קונצווערק צו:
845.379.1161
BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM



משפחת יאקאבאוויטש



בייניש שארף



מרדכי און מענדי לב



קיילי ווייס



נתי פעקעטע



ליפא און יוסי פארקאש



אליעזר שלמה פיש



חיה שרי און מירי הורוביץ



בית פיגא אר"י ערשטע קלאס

# געמאלן

א מעשה פון תפלה




רבקה וועבערמאן תחי'
קרית ברסלב




רבקה וועבערמאן תחי'
קרית ברסלב

שיקט אריין אייער מאלעריי צו:
845.379.1161 | BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM

# אומאן ראש השנה

## פראגראם

**טייערע חשוב'ע בלעטל קינדער שיחי'**

אומאן אומאן ראש השנה... אה! מען שפירט שוין אין די לופט דעם רבינ'ס ראש השנה אזש ס'זינגט זיך פון זיך אליין.

אין די יעצטיגע טעג ווען מען האלט הארט פאר די געהויבענע נסיעה צום הייליגן רבי'ן, ווילן מיר הערן פון די טייערע בלעטל קינדער וויאזוי דו גרייטסט זיך צום רבינ'ס ראש השנה. נישט וויאזוי דו פאקסט דיין רענצל און נישט וואו דו גייסט זיצן אויפן ערעפלאן... נאר גאר עפעס העכערס.

ווי אלע ווייסן איז ביים רבינ'ס ציון אין אומאן א פלאץ ווי מען פועל'ט ישועות למעלה מדרך הטבע, וואס מען בעט ביים רבי'ן - באקומט מען, קינדער בלעטל שטעלט אהער א מעכטיגע **אומאן ראש השנה פראגראם** וואו די חשוב'ע בלעטל קינדער קענען מיטטיילן איינער דעם צווייטן א שיינע זאך **וואס דו גייסט בעטן פון הייליגן רבי'ן**, ווי אויך עפעס **וואס דו גייסט זיך מקבל זיין ביים הייליגן רבי'ן** לכבוד דעם נייעם יאר, און די בלעטל קינדער וועלן זיך קענען לערנען שיינע זאכן איינער פון די אנדערע.

ווען איר שיקט אריין א מעסעדזש, זאל עס זיין ווי פאלגענד:

**1. דיין נאמען**

**2. וועלכע כתה לערנסטו**

**3. דיין היים טעלעפאן נומער**

**4. וואס גייסטו בע"ה פועל'ן ביים רבינ'ס ציון**

**5. וועלכע גוטע קבלה גייסטו זיך מקבל זיין ביים רבינ'ס ציון**

שיק עס אריין צום קינדער בלעטל (זע נומער אויף זייט 2) און מיטן אייבערשטנ'ס הילף וועסטו קענען זען אינעם ראש השנה בלעטל וואס דו - און נאך צענדליגע אנדערע קינדער - גייען מיטן אייבערשטנ'ס הילף פועל'ן און זיך מקבל זיין ביים הייליגן רבי'ן.

**א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר**



בס"ד

רענט קאמפיין

מוסדות היכל הקודש ברסלב בארה"ב

יעמדו על הברכה אברכים הנדיבים

מו"ה **משה יחיאל פעלדמאן** הי"ו

מו"ה **שמשון צבי טייטלבוים** הי"ו

מו"ה **הרוצה בעילום שמו** הי"ו

פארן מנדב זיין

# פרנס החודש אב

די זכות פון ארויסהעלפן דעם
הייליג'ן רבי'נס מוסדות זאל אייך
בייששטיין צו האבן בני ברוכי, פרנסה
בשפע, געזונטע לאנגע יארן, מיט
פיל סייעתא דשמיא.

שטיצט אונזערע שטיצער:

lemonade SUPERMARKET

DRY GOODS

*sruliHeskel

# געשעענישן

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב





**חתונה פון החתן מו"ה דוד טשינגל הי"ו עב"ג בת מו"ה נפתלי זאבעל הי"ו**





קרעדיט: אייזיק ראטה, יוסי פרערויא, שמעון פיש, שמואל בלעדי, לייבי ראטה



חלוקת תעודות אין תלמוד תורה היכל הקודש בני ברק



א שיינע חלוקה דורכן בית התבשיל



חדר פירן פון בן מו"ה שמואל בלעדי הי"ו



מלוה מלכה שבת נחמי מיט געשמאקע אינסטרומענטס






ביים טיילן מתנות פאר אנשי שלומינו וואס האבן געברענגט גרעסערע סכומים



פאנאל ביים מסיבה






שיעור ליל שישי מיט א מסיבה פארן קאמפיין "אנשי חיל"



**קאמפיין אנשי חיל**













**מלוה מלכה מוצאי שבת עקב**

# און וואס גיי איך טיילן?!





פרנס חלוקה
$3600

פרנס החודש
$7200

פרנס היום
$360

פרנס השבת
$1200

פרנס השבוע
$1800

פרנס היו"ט
$2600

זונטאג
שופטים

מסיבה
השנתי

*sruliHeskel

מיר ווילן אייך פערזענלעך איינלאדענען צום יערליכן

# רייכע באנקעט

פארן בית התבשיל | דעם זונטאג פרשת שופטים

## פראגראם

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| פתיחת שערים | התחלת המעמד | א ווארט פונעם בית התבשיל | חלוקת פרסים | ברכת המזון |
| 8:00 | 9:00 | 9:45 | 10:30 | 11:00 |

**בנין בית התבשיל Radcliff Road 117**

ועד הכשרות
קרית ברסלב

א שיינע מתנה וועט פארטיילט ווערן

זונטאג שופטים

מסיבה השנתי

**מיר ערווארטן אייך צו פערזענליך באגריסן**

**הנהלת בית התבשיל**

*sruliHeskel